STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07308

DAVID PINSKI

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד פּינסקי
צום צענטן יאָרצייט

אַרויסגעגעבן פון
יידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

וואָס לאָזט איר זיך אויף די קני אַראָפּ ? בלייבט שטיין אויף אייערע פיס ! וואָס הייבט איר אייערע הענט אין תפילה אויף ? הייבט זיי אויף מיט פויסטן ! פרעגט ניט גאָט ביז וואַנען. פרעגט זיך אַליין ביז וואַנען ! איז אייך נאָך ניט גענוג ? האָט דער שונא אייך נאָך ווייניק געטאָן ? ווייל איר קניט, טרעט ער אייך ווי מיסט. ווייל איר שטרעקט אויס הענט אין תפילה, איז אים לייכט אויף זיי קייטן אַרויפצוואַרפן. ניט קניען, ניט בעטן, נאָר קעמפן ! גאָט וויל ניט קיין פאָלק פון קנעכט. מיר זאָלן קיין אַנדער האַר ניט האָבן אויסער אים. און איר טראָגט אויף זיך דעם רוימערס יאָך ! ניט אונטערטעניק, אייער ווילן באַווייזט דעם רוימער ! — — —

גאָט האָט קיינמאָל ניט אַ צייט פאַר משיחס קומען. די צייט הענגט אָפּ פון אונדז. דער טאָג איז אין אונדזערע הענט. משיח קען קומען היינט, אויב איר וועט גאָטס שטים הערן. די צייט ווען מיר וועלן אינגאַנצן גאָט געהערן איז משיחס צייט. דער דור וואָס וויל אַוועקגעבן פאַר גאָט זיין לעבן איז משיחס דור.

(פון דוד פּינסקיס „רבי עקיבא
און בר־כוכבא“)

רעדאַקטירט פון

משה שטאַרקמאַן און ל. רובינשטיין

אַרויסגעגעבן פון

יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

תשכ״ט נױ־יאָרק 1969

הקדמה

געטריי צו דער 60־יאָריקער קולטור־טראַדיציע פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוגעבן די דאָזיקע זאַמלונג געווידמעט דוד פּינסקי, דעם גרויסן דערציילער, דראַמאַטורג, פּובליציסט און רעדאַקטאָר, וואָס פאַרנעמט אַן אָרט אויבנאָן ווי דער פּערטער קלאַסיקער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

מיר גיבן אַרויס די זאַמלונג מיט אַ טאָפּלטן ציל: ערשטנס, צו פאַרצייכענען 10 יאָר זינט פּינסקיס פּטירה; צווייטנס, צו באַערן דעם אָנדענק פון איינעם פון די פּיאָנערן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

פּינסקי איז געווען צווישן די פירנדיקע פּערזענלעכקייטן אין יידישן פאָלקס־לעבן אין די פאַרייניקטע שטאַטן. ער איז געשטאַנען בראש פון אַ רייע יידישע אָרגאַניזאַציעס. צווישן פּינסקיס יידישע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, האָט פאַרנומען אַ באַזונדערס חשוב אָרט זיין אַקטיוויטעט ווי דער פּרעזידענט פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד במשך היסטאָרישע צייט־אָפּשניטן פון פאַרבאַנדס אַנטוויקלונג און קיום און אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק בכלל.

ווען אין 1942 איז געפייערט געוואָרן פּינסקיס 70־יאָריקער יובל, האָט אונדזער דעמאָלסדיקע עקזעקוטיווע, אין איר באַגריסונג צו איר פּרעזידענט, אָפּגעשאַצט זיינע אויפטוען מיט ווערטער, וואָס זענען אויך גילטיק היינט, צען יאָר נאָך פּינסקיס פּטירה, און זיי וועלן אויך זיין גילטיק לנצח נצחים.

אין יענער באַגריסונג איז באַטאָנט געוואָרן:

דוד פּינסקי איז פאַרבונדן מיט דעם הערלעכן אָנהייב און מיט די שענסטע טראַדיציעס פון דער יידישער ליטעראַטור און פון דעם סאָציאַליסטישן קאַמף אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס. ער האָט צוזאַמען מיט אַנדערע גרויסע שאַפער אַוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, מיט וועלכער מיר אַלע שפּייזן זיך גייסטיק ביז היינט־צו־טאָג. שוין מיט פופציק יאָר צוריק איז ער געווען דער ערשטער, וועלכער האָט מיט זיין שאַרפן אויג דערזען דאָס אויפקומען פון אַ יידישן פּראָלעטאַריאַט. און ער איז געווען דער, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף אַן אָרגאַניזירטן אַרבעטער־כוח, וואָס וועט קעמפן פאַר מענטשלעכער חשיבות, פאַר דעם ווערט פון אַרבעט און וועט אינגאַנצן ענדערן די באַציאונג צו אַרבעט און פּראָדוקטיוון שאַפן אין יידישן לעבן.

אין זיינע מייסטערהאַפטע דערציילונגען פון יענע יאָרן האָט דוד פּינסקי, נאָך איידער עס זיינען געווען סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־פּאַרטייען אויף דער יידישער גאַס, אָרגאַניזירט דעם רעוואָלט און פּראָטעסט

פון אַרבעטער אַנטקעגן זייערע בעלי־בתים, וועלכע דערנידעריקן און פאַרמינערן די חשיבות פון אַרבעטער־מענטשן.

און אַזוי כסדר האָט חבר פּינסקי פאַרגעזעצט זיינע שאַפונגען, וועלכע זיינען געווען רייך אין אידייען און באַליכטן מיט דער שיינקייט פון זיין קינסטלערישן טאַלאַנט. ער איז אויך געווען צווישן די ערשטע וואָס האָבן דערזען אין דעם אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכן לעבן די געפאַר פון אַנטיסעמיטיזם. און ער האָט אין זיינע שאַפונגען אָנגעהויבן אַריינצונעמען די נאַציאָנאַלע און היסטאָרישע מאָטיוון פון אונדזער לאַנג־יאָריקער געשיכטע.

עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט, וואָס דוד פּינסקי האָט מיט זיין שאַרפן רעאַליסטישן בליק דערזען דעם גרויסן כוח, וואָס ליגט אין די חלוצישע בויער פון ארץ־ישראל. אין קרעפטיקע דראַמען, דערציילונגען און לידער האָט ער געמאָלן די העראָאישע כוחות וואָס וויקלען זיך פונאַנדער אין דעם שאַפונג־פּראָצעס פון אַ ניי לאַנד. זיינע יידישע העלדן — מוטיקע, לעבנס־לוסטיקע, דורכגעדרונגען מיט דעם דראַנג פון דורות נאָך פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט, וועקן די יידישע יוגנט צו גרויסע מעשים און צו גאולה. ער האָט שטענדיק געלערנט און דערצויגן די יידישע אַרבעטער דורך וואָרט און שריפט צו זיין מוטיקע קעמפער פאַרן יידישן פאָלק און פאַר אַ נייער, פרייער וועלט. ער איז שטענדיק געשטאַנען אין די ערשטע רייען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און געקעמפט פאַר זייער רעכט און פאַר זייער גייסטיקער דערהייבונג.

מיר האָפן, אַז אונדזער זאַמלונג וועט דינען ווי אַ דערמאָנונג צו יידיש־לייענערס אומעטום זיך צו פאַרטיפן פון דאָס ניי אין פּינסקיס שריפטן, און דערמאָנען יידישע אָרגאַניזאַציעס אין די תפוצות און אין מדינת ישראל צו פאַרצייכענען ווי געהעריק די צענטע יאָרצייט פון דעם אומשטערבלעכן וואָרט־קינסטלער. זיין געביין איז איינגעהילט אין דער ערד פון יידישן היימלאַנד, און די שוין־פאַראַנענע העבעראַישע איבערזעצונגען פון זיינע דערציילונגען און דראַמעס מאָנען, אַז די אַנדערע ווערק זיינע זאָלן אויך אַריינגעשטעלט ווערן אין ספרים־אַלמער פון דער העבראַישער ליטעראַטור, כדי דער יונגער דור אין דער יידישער מדינה זאָל אינספּירירט ווערן פון זיין שאַפן ווי עס זענען אינספּירירט געוואָרן דורות יונגע יידן אין די תפוצות זינט דעם סוף פון 19טן יאָרהונדערט ביז אונדזערע טעג.

נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע,
יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

ש. באַנטשעק, פּרעזידענט
יעקב קאַצמאַן, נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר
צ. ל. וואַל, פאָרזיצער, קולטור קאָמיטעט

ניו־יאָרק, ד׳ אָב, תשכ״ט, אין טאָג פון דוד פּינסקיס צענטער יאָרצייט.

וועגן דוד פּינסקי

משה שטאַרקמאַן :

דוד פּינסקי, דער וואָרט־קינסטלער און קעמפער פאַרן יידישן קיום

(שטריכן צו דער כאַראַקטעריסטיק)

ווען דוד פּינסקי האָט אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם צו 87 יאָר, איז איבערגעריסן געוואָרן דער לעצטער קנופּ פון דער שנור וואָס האָט דעם איצטיקן דור יידישע שרייבערס פאַרבונדן מיט דעם דור ראשונים — מיט די וואָס האָבן געהאָלפן י. ל. פּרץ אָנהייבן די תקופה פון מאָדערניזם און רעוואָלט אין דער נייער ליטעראַטור אויף מאַמע־לשון.

דוד פּינסקי איז אַוועק פון דער וועלט ניט בלויז זאַט אין יאָרן, נאָר אויך זאַט אין אויפטוען. די ווערק, וואָס ער האָט בייגעטראָגן צו דער יידישער פּראָזע און צו דער יידישער דראַמאַטורגיע, האָבן באַרייכערט די נאַציאָנאַלע קולטור פון אונדזער פאָלק מיט אייביקע גייסטיקע ווערטן. ער האָט זוכה געווען צו דעם וואָס ווינציקע פון זיין אייגענעם דור האָבן דערלעבט. ער האָט געהאַט די זכיה צו זען די פאַרווירקלעכונג פון אַ סך יוגנט־חלומות; סאָציאַל־ און נאַציאָנאַל־באַפרייענדיקע אידייען פאַר וועלכע ער האָט אַגיטירט און געקעמפט, האָבן געשלאָגן וואָרצלען אין גרויסע שיכטן פון יידישן פאָלק; זיין ליטעראַרישע טעטיקייט, אָנגעהויבן סוף 19טן יאָרהונדערט, איז געוואָרן אַ וועזנטלעכער טייל פון אונדזער פאָלקישער יצירה; די גרעסטע און דער־הייבנסטע פון זיינע וויזיעס, — דער חלום וועגן באַנייטער יידישער אומאָפּ־הענגיקייט אין אַלטן, אָבותדיקן לאַנד, — איז געוואָרן אַ רעאַליטעט, און ער האָט געהאַט דאָס גליק צו ווערן אַ תושב אין דער אויסגעבענקטער יידישער מדינה. ניט בלויז ווי אַ שרייבער, נאָר אויך ווי אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן, פירער פון דער יידישער קולטור־באַוועגונג און פּרעזידענט פון יידיש־נאַציאָ־נאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, האָט פּינסקי במשך צענדליקער יאָרן געהאָלפן שאַפן און שטאַרקן פּאָזיציעס פאַר יידישער פאָלקישער דערגרייכונג. ער איז תמיד געשטאַנען אין די ערשטע רייען פון קאַמף פאַרן יידישן קיום. זיין עולה־זיין קיין מדינת ישראל אין 1949 איז געווען דער קלימאַקס פון אַ ציל־באַוואוס־זיניקער טעטיקייט צו דינען די יידישע מאַסן און זיך אידענטיפיצירן מיט זיי. די לעצטע טעג פון זיין לעבן איז פּינסקי געווען פּאַראַליזירט. אָבער פריער,

שוין אין די יאָרן פון הויכער זיקנה, האָט ער באַוויזן אויפצוהיטן אין זיך יוגנטלעכע ענערגיע, שעפערישע שטרעבונג און זיין אַ ווירקנדיקער כוח אין גייסטיקן לעבן פון דער יידישער מדינה.

אין מלכות פון דער יידישער ליטעראַטור האָט פינסקי געטראָגן עטלעכע באַזונדערע קרוינען, אָבער בעיקר דעם כתר פון בעלעטריסט, דעם כתר פון דראַמאַטורג און דעם כתר פון רעדאַקטאָר. זיין עסייאיסטישע פובליציסטיק, זיינע דיכטערישע פרואוון — אין די יונגע יאָרן און אויף די עלטערע יאָרן — זענען געווען באַגלייט־דערשיינונגען פון זיינע הויפט־מעשים ווי אַ שריפט־שטעלער. פינסקיס בעלעטריסטיק און דראַמאַטורגיע טאָרן ניט פאַרטונקלען זיינע רעדאַקטאָרישע אויפטוען. בעת ער האָט רעדאַקטירט אָדער מיט־רעדאַקטירט פאַרשיידענע אויסגאַבעס, איז ער געווען דער אַרויספירער און דערמוטיקער פון נייע שרייבערישע טאַלאַנטן. אונטער זיין רעדאַקטאָרישער השגחה האָבן שפּעטער באַרימט־געוואָרענע אידישע דיכטערס און פּראָזאַאיקערס געמאַכט זייערע ערשטע ליטעראַרישע טריט. פינסקי דער וואָרט־קינסטלער איז קיינמאָל ניט געזעסן אין אַ שרייבערישן „עלפענביין־טורעם״. זיין שרייבערישע טעטיקייט און זיין געזעלשאַפטלעכע עסקנות זענען אים גלייך נייטיק געווען, כדי צו געבן פולסטן אויסדרוק דעם וואָרט־קינסטלער, דעם נאַציאָנאַלן ייד און דעם קעמפער פאַר סאָציאַלן יושר.

פון דער פריסטער יוגנט אָן ביז די קראַנקהייט אין די לעצטע יאָרן האָט אים באַרויבט פון דער פעאיקייט עפעס צו טאָן, האָט פינסקי געדינט זיין פאָלק. זיין ליטעראַריש שאַפן האָט זיך געצויגן זינט דעם אָנהייב פון דער רענענסאַנס־תקופה אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, ביז דער בראשית־תקופה פון מדינת ישראל.

די רענעסאַנס־תקופה, — י. ל. פּרץ איז געווען איר אָנזאָגער, און דער יונגער פינסקי איז געווען זיין געטרייער חבר־תלמיד, — האָט זיך אָנגעהויבן מיט ברעכן די אַלטע צאַמען און מיט פלאַסטערן נייע וועגן. פינסקי האָט געטראָגן דעם פאַקל, וועלכן פּרץ האָט אָנגעצונדן, און ער האָט משפיע געווען אויף אַנדערע נאָכצופאָלגן דעם פלאַם. דער יונגער פינסקי איז אַרומגעפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך פון יידישן „תחום המושב״ אין צאַרישן רוסלאַנד און צווישן דער יוגנט מבשר געווען די רענעסאַנס. ער האָט געהאַלטן רעדעס פאַר יידישע האַרעפּאַשניקעס אין געהיימע אַרבעטער־קרייזלעך און אָרגאַניזירט די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן״, וואָס מיט זייער הילף זענען פאַרשפּרייט געוואָרן די אָנרעגנדיקע „יום־טוב־בלעטלעך״, וועלכע פּרץ האָט רעדאַקטירט צו דערציען די פאָלקס־יוגנט דורך ליטעראַטור, פּאָפּולערער וויסנשאַפט און סאָציאַלע קענטענישן.

דוד פינסקי האָט זיך באַוויזן אין דער יידישער ליטעראַטור ווי אַ וואָגנדיקער און קעמפנדיקער שריפטשטעלער, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם פּראָטעסט קעגן די נעגאַטיווע זייטן פון יידישן לעבנס־שטייגער אין יענע טעג. אין זיינע ערשטע דערציילונגען און אַרטיקלען איז פינסקי אַרויסגעטראָטן קעגן דער דיקטאַטור פון „אַלטן דור״ און באַטאָנט די שטרעבונג אויפצוהייבן די יידישע פאָלקס־מאַסן צו אַ מענטשלעך־קולטורעלער הויך. אין פינסקיס ערשטע שאַפונגען און אויך אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק זעט מען דעם

גערעַנגל צווישן אַלטן דור און דעם נייעם, און מיט אַ זיכערער האַנט שילדערט ער דעם ייד און זיין רעוואָלט קעגן דער סביבה. פּינסקי האָט אויך מייסטערהאַפט געשילדערט די געפילן און בענקשאַפטן פון דער יידישער פרוי אין יענע איבערגאַנגס־טעג פון דער השכלה צום ציוניזם און פּאָלקישן סאָציאַליזם. אויך אַנדערע האָבן דעמאָלט געשריבן אויף ענלעכע טעמעס. דער חידוש אין פּינסקיס שאַפונגען איז געווען דער פּרואוו זיך צו דערגרונטעווען צו דער נשמה־וועלט פון די העלדן, און צו ווייזן ניט בלויז דעם עקספּלואַטירטן און דערנידעריקטן, נאָר אויך אַרויסצוברענגען זיינע זעלישע ליידן.

פון די דיאַלאָגן אין פּינסקיס ערשטע דערציילונגען האָט מען שוין געקענט פילן, אַז אין אים קלאַפּט דער אָדער פון אַ דראַמאַטורג. אין די יאָרן 1899־1896, בעת פּינסקי האָט געלעבט און שטודירט אין בערלין, האָט ער געמאַכט זיינע ערשטע פּרואוון אויפן געביט פון דראַמע. אָנגעהויבן האָט פּינסקי מיטן איינאַקטער „יסורים“, און אין 1899 האָט ער אין פאַרלויף פון עטלעכע וואָכן געשאַפן די דראַמע „אייזיק שעפטל“, — אַ ווערק אין וועלכן ס׳ווערט געשילדערט די טראַגעדיע פון אַ יידישן דערפינדער, וואָס איז געצוואונגען צו פאַרקויפן פאַר קליינגעלט זיינע אַנטדעקונגען. אין יענע טעג האָט פּינסקי זיך באַטייליקט שרייבעריש אין ניו־יאָרקער יידישן „אַבענדבלאַט“, אָרגאַן פון דער יידישער סעקציע פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (עס־על־פּי), און ער איז סוף 1899 איינגעלאַדן געוואָרן קיין אַמעריקע צו זיין דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון „אַבענדבלאַט“ און פון דער וועכנטלעכער „אַרבייטער־צייטונג“.

מיט פּינסקיס באַזעצן זיך אין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה, די תקופה פון רייפקייט און אַנטוויקלונג אין זיין ליטעראַרישן שאַפן און אין זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אין ניו־יאָרק האָט פּינסקי געפונען אַן אמתן יידישן פּראָלעטאַריאַט. אָבער די מער געבילדעטע יידישע פּראָלעטאַריער זענען געפאַנגען געוואָרן פון קאָסמאָפּאָליטישן סאָציאַליזם, וואָס האָט געפּרעדיקט אַ לייזונג פון דער „יידישער פראַגע“ דורך אַסימילאַציע. פּינסקי האָט אָפּגעוואָרפן אַזאַ „גאולה“. ער האָט זיך דערנענטערט צום ערשט־אויפגעקומענעם „בונד“, און ווי אַ רעדאַקטאָר דערמוטיקט יונגע טאַלאַנטן צו באַרייכערן די יידישע ליטעראַטור. נאָך דעם קישענעווער פּאָגראָם (1903), וואָס האָט אויסגעטשוכעט דעם רוב יידישע ראַדיקאַלן פון זייער נאַאיוון קאָסמאָפּאָליטיזם, האָט פּינסקי געשאַפן זיין דראַמע „די פאַמיליע צבי“, — די דראַמע אין וועלכער ער האָט געשילדערט די צעטרייסלונג פון יידישן משפחה־לעבן ווי אַ רעזולטאַט פון די נייע אידייען און אידעאַלן וואָס האָבן אָפּגעפרעמדט נאָענטע איינע פון די אַנדערע. די טראַגישע געשעענישן אין יידישן לעבן — פּאָגראָמען און גזירות — האָבן צעטרייסלט פּינסקיס גלויבן אין דעם איינשטעל, אַז די יידיש־נאַציאָנאַלע באַפרייאונג וועט זיין אַ רעזולטאַט בלויז פון אַלמענטשלעכער דערלייזונג. ביסלעכווייז האָט פּינסקי זיך באַפרייט פון דער „בונד“־אידעאָלאָגיע, ביז ער איז געקומען צו דער דערקענטעניש, אַז דער ווידעראויפבוי פון ארץ־ישראל איז אַ געבענטשטער סינטעז פון דער שטרעבונג צו נאַציאָנאַלער פרייהייט און דעם אידעאַל אויסצולייזן דעם פאַרשקלאַפטן טייל פון דער מענטשהייט בכלל. פּינסקי האָט זיך

אָנגעשלאָסן אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג, איז געוואָרן איינער פון אירע צענטראַלע פיגורן, און יאָרן־לאַנג איז ער געווען פּרעזידענט פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. ער האָט רעדאַקטירט פאַרשיידענע צייטשריפטן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, און ווען די פּועלי־ציון האָבן אין די יאָרן 1921־1920 אַרויסגעגעבן דאָס טאָגבלאַט „די צייט", האָט פּינסקי, אַלס רעדאַקטאָר, אַריינגעשריבן איינס פון די שענסטע קאַפּיטלעך אין דער געשיכטע פון יידישן זשורנאַליזם.

זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט האָט פּינסקי געמאַכט ווי אַ רעאַליסטישער דערציילער. אויך זיינע ערשטע דראַמעס טראָגן אויף זיך דעם חותם פון רעאַליזם. אָבער ער איז ניט געבליבן פאַרפרוירן אין שטרענג־רעאַליסטישן נוסח, און דער בייט אין זיינע אידייען האָט געעפנט נייע האָריזאָנטן פאַר זיין שאַפן. אין זיין „יענקל דער שמיד" האָט פּינסקי געגעבן אויסדרוק דער שטורעמדיקער ליבע. בכלל צייכנט ער זיך אויס ביים שילדערן פרויען־געשטאַלטן און ער אַנטפּלעקט זייער נשמה־וועלט ווי אַ קינסטלער־פּסיכאָלאָג. די קעמפנדיקע פרוי האָט אין פּינסקין געפונען דעם אידעאַלן מאָלער. מיט זיין קינסטלערישן שוואונג האָט פּינסקי זיך געווענדט צו דער ראָמאַנטיק פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פאַרגאַנגענהייט, צו די אַמאָליקע גאולה־וויזיעס און צו די קוואַלן פון יידישן פאָלקלאָר. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די סאַמע פרוכטבאַרסטע עפּאָכע אין זיין שאַפן. ער האָט אין פאַרלויף פון אַ דער תקופה געמאָלן אַ רייע משיחישע פיגורן און זייערע מעשים. פון דער תנ"ך־תקופה האָט פּינסקי געשעפּט די טעמעס וועגן דוד המלך און וועגן שלמה המלכס ווייבער. צווישן די העלדן פון פּינסקיס היסטאָרישע שאַפונגען געפינען זיך זרובבל און רבי עקיבא, ברוריה און רבי מאיר, בר־כוכבא און דוד ראובני. די גאולה־בענקשאַפטן האָבן געקראָגן אויסדרוק אין אַזעלכע ווערק פּינסקיס ווי „דער אייביקער ייד", „דער שטומער משיח" און אין זיין חלוצים־דראַמע. אויף אַ פאָלקלאָריסטישער טעמע, ווידער, האָט פּינסקי געשאַפן זיין דראַמע „דער אוצר".

פּינסקי איז געווען אַ פּראָדוקטיווער שריפטשטעלער און ער האָט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט גרויס־סטיליקע ראָמאַנען, ווי „די דורות פון נח עדאַן" און „אַרנאָלד לעווענבערג", וועלכע זענען גרונט־ווערק אין דער יידישער בעלעטריסטיק. אין די דאָזיקע ראָמאַנען האָט פּינסקי געשילדערט דעם אַלטן קאַמף צווישן יידישע עלטערן און זייערע קינדער, שוין אין דער נייער צייט און אין דער נייער אַמעריקאַנער סביבה. פון זיינע ברייט־קאַנוועדיקע ראָמאַנען האָט פּינסקי שפּעטער זיך צוריקגעקערט צו דער קורצער דערציילונגס־פאָרעם. אין אַ רייע פון זיינע נייע דערציילונגען האָט פּינסקי געגעבן אויסדרוק אונדזער נאַציאָנאַלן אומגליק בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, שילדערנדיק גלייכצייטיק די העלדן פון זעקס־מיליאָניקן קידוש־השם. פון דעם גרויכן צער שטראַלט אַרויס דער גרויסער בטחון, די אמונה אין יידישער אייביקייט.

אין פּינסקיס סטיל פילט מען אָפט אַ שווערקייט, בעיקר ווען ער באַמיט זיך צו שאַפן נייע אידיאָמען און וואָרט־באַהעפטונגען. אָבער אין די אַלע שאַפונגען פילט מען שטענדיק דעם מייסטער־אַרכיטעקט, וואָס גייט באַוואוסט־

זיניק צו זיין ציל. דאָס מאָלן כוחות אין צוזאַמענשטויסן און די געבורט פון נייע לעבנס־פאָרמען; שווער־קלאַנג אין סטיל, און קאָכעדיק געפיל, וואָס בלעזלט אַרויס פון די שורות — דאָס זענען שטריכן צו דער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק פון פּינסקיס שאַפן.

נאָכן פייערן זיין 75סטן געבוירנטאָג, האָט פּינסקי עולה געווען קיין מדינת ישראל. ניט ווי אַ זקן האָט ער עולה געווען, נאָר ווי איינער וואָס גייט צו דער עלטער פון גבורה מיט אַ זיגער־קראַנץ אויף זיין קאָפּ. די ברכות, וואָס האָבן באַגלייט פּינסקין ווען ער האָט עולה געווען, האָבן אויס־געדריקט דעם וואונטש אַז ער זאָל ווייטער זיין פּראָדוקטיוו אַלס שריפט־שטעלער און אין זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. דער דאָזיקער וואונטש איז מקוים געוואָרן אין אַ היפשער מאָס.

וואוינענדיק אין מדינת ישראל האָט פּינסקי פּובליציסטיש אַרויסגעוויזן אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר די פּראָבלעמען פון לאַנד; און אין לאַנד פון תנ״ך האָט ער גענומען זיך שטאַרקער פאַרטיפן אין די בלעטער פון תנ״ך. ווען מען האָט זיך געגרייט צו פּראַווען זיין אַכציקסטן געבוירנטאָג, האָט פּינסקי פאַרעפנטלעכט אַ פּירוש צום תהלים, קאַפּיטל ס״ח, — אַ קאַפּיטל מיט וועלכן עס האָבן זיך געראַנגלט די גרעסטע מפרשים. פּינסקי איז אַרויס־געקומען מיט אַן אַנטפּלעקונג, אַז דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז אַ נצחון־ליד וועגן דער מלחמה וואָס דוד המלך האָט געפירט קעגן די בני עמון און זייערע בונד־מלוכות (שמואל ב׳, קאַפּיטל 10; דברי הימים א׳, קאַפּיטל 19).

ווען עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דוד פּינסקיס פּירוש צום 68סטן קאַפּיטל תהלים, — צוערשט דער פּירוש אין יידיש און דערנאָך אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון דב סדן, פּראָפעסאָר אויף דער יידיש־קאַטעד־רע ביים העברעאישן אוניווערסיטעט, — האָט פּינסקיס אויפטו איבערראַשט פיל תנ״ך־קענערס. אין דער סיום־באַמערקונג צום פּירוש האָט פּינסקי אי־בערגעגעבן עטלעכע אויטאָביאָגראַפישע פּרטים: אין דער פּינסקי־משפּחה, אין מאָהילעוו ביים דניעסטער, האָט מען דערציילט אַז ווען דער מלבי״ם איז דאָרט געווען רב, האָט ער אַ טאָג נאָך דודס ברית אים געבענטשט און אים אַ קוש געטאָן אין קאָפּ. אין יענעם טאָג האָט דער מלבי״ם געמוזט אַוועק פון מאָהילעוו, ווייל די משכילים האָבן אים געהאַט געמסרט, אַז ער וויל אונטערגראָבן די צאַרישע מאַכט. 22 יאָר נאָך יענעם קוש האָט פּינסקי אַליין געמוזט פאַרלאָזן מאָהילעוו, איבער אַן ענלעכער מסירה...

פּינסקי האָט געמיינט, אַז דער קוש פון מלבי״ם האָט אים גורם געווען אַז ער זאָל ביט־וויסנדיק פאַרענדיקן דעם פּירוש וועלכן דער מלבי״ם האָט בלויז מרמז געווען צום קאַפּיטל תהלים ס״ח. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז די אַריסטאָקראַטישקייט, וואָס האָט תמיד געוויעט פון פּינסקין, איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם געפיל, אַז דער קוש פון מלבי״ם בליט און גליט אויף זיין שטערן. קען זיין אַז פּינסקי האָט נאָך געפילט דעם קוש פון מלבי״ם אויף זיין שטערן, ווען דער מידער גוף האָט אָפּגעגעבן צום באַשעפער די נשמה און זי געלאָזט פליען צו די הויכע ספירות פון אומשטערבלעכקייט אין דער נאַציאָנאַלער קולטור פון יידישן פאָלק.

יואל ענטין:

דער קלאַסיקער — פּינסקי

איך האָב שוין אַמאָל, אין דער „צוקונפט״, דוד פּינסקין באַצייכנט אַלס אונדזערן אַ קלאַסיקער. היסטאָריש און געזעלשאַפטלעך קומט פּינסקי אַריין טאַקע תיכף נאָך מענדעלען. הייבט ער דאָך אָן דאָרט, וואו יענער האָט געענדיקט. רירט ער דאָך אָן דאָס, וואָס יענער, אָפּטרעטנדיק פון שלאַכט־פעלד פאַר דער צייט, האָט פאַרפעלט, זיך באַנוצנדיק אַפילו מיט יענעמס ליטעראַרישן שליסל.

דוד פּינסקי איז איינער פון די צוויי פאָטערס (דער אַנדערער איז י. ל. פּרץ) פון דער צווייטער פּעריאָדע פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, וואָס איך האָב זי ליב צו רופן די נאַטוראַליסטיש־סאָציאַליסטישע שול ביי אונדז. זי, די דאָזיקע שול, איז ביי איר ערשטער געבורט געבליבן געשטראַנדעט אויף די דיונען פון דער השכלה, בשעת מענדעלע מוכר ספרים איז געשוואומען אויפן בוזעם פון השכלהדיקן שטראָם. זעען מיר דעם מערקווירדיקן צוזאַמענטרעף. מענדעלעס מעשה „דאָס ווינטשפינגערל״, צוערשט אַ קליין ביכל, האָט געזאָלט דינען אַלס אַריינפיר צו אַ ריי ביכער אָדער ביכלעך וועגן ווי־סנשאַפט. „רבי שלמה״, פון פּינסקיס סאַמע ערשטע און אין אומפאַנג זיין גרעסטע דערציילונג פון יענער צייט, האָט געדינט אָדער געזאָלט דינען פונקט אַזאַ צוועק.

דער יידישער אַרבעטער האָט קענטיק דוד פּינסקין פאַר אַ שרייבער געמאַכט. זיינע ליידן, זיין אָפּקומען, זיין פאַרשעמט זיין, האָבן אים באַגייסטערט, אים געוועקט דעם אַרבעטער צו מאָלן, זיינע צרות אויסצודערציילן, אים צו מונטערן, צו אַגיטירן, אים פון זיין שפלות צו הייבן. אַלס דער ערשטער, לכל־הפּחות אין רוסלאַנד, האָט פּינסקי זיך שטאַרק קונה־שם געווען. איז עס קעגנזייטיק געווען. פּינסקי האָט דעם יידישן אַרבעטער אַנטדעקט, אים אין זיין ליטעראַרישן פאַטאַנדל אַרויסגעפירט; דער יידישער אַרבעטער האָט פּינסקין אויף זיינע פּלייצעס אַרויסגעטראָגן.

. .
.

געשטאַמט האָט פּינסקי פון אַ בעל־הבתיש הויז און אַ דערציאונג האָט ער געקראָגן ווי אַ סטודענט, אַן אינטעליגענט. ער איז צוערשט מער עטישער זשורנאַליסט איידער קינסטלער, מער אינטעלעקט איידער פּאָעט. אויך אין זיין סאָציאַליזם איז ער אַ לענגערע צייט מער יידישער „נאַראָדניק״־פּאָל־קיסט — איידער פּראָלעטאַרישער קעמפער.

די העלדן פון זיינע ערשטע דערציילונגען זענען ניט אַזוי אַרבעטער ווי גלאַט אָרעמע, אומגליקלעכע מענטשן, אָדער מענטשן וואָס ווערן פאַראומגליקט.

אויף די אַלע מענטשן לייגט פּינסקי רחמנות, אָדער ער פאַרמשפּט די אומ־שטענדן וואָס ברענגען צו אַזעלכע יסורים און לייד.

דאָך, פון סתם עלנט שיילט זיך אַרויס די פּראָלעטאַרישקייט; פון דער אומבאַשטימטער עלנטער מאַסע שיילן זיך אַרויס קלייט־משרתים און טאָג־לויי־נערס. אין די סתם־עלנטע איז דאָ האַס. דער הונגעריקער איציע („אַ מעשה מיט אַ הונגעריקן") וואָלט די גאַנצע וועלט אויפגעריסן. אָבער ניט ער און ניט זיי ווייסן פון קאַמף, פון אַנטקעגנשטעלן זיך. ביי די משרתים און טאָג־לוינערס ווייזן זיך שוין אָבער סימנים פון ווידערשטאַנד. אויב זיי אַליין האָבן קיין מוט ניט צו קעמפן, געפינען זיך ביי זיי, ביי ווענען אַ ווייב („אויסגעפירט"), וואָס פאַרהיט איר און איר מאַנס כבוד, ביי ווענען („חיים משרת") אַ קינד, וואָס ווייזט אַ שוואַכן, אָבער אַנטשלאָסענעם פויסטל. אַ דריטער („אַראָפּ דאָס יאָך") וועט גלאַט אויף אַ „פאַרצווייפלטן" אופן נקמה נעמען פון זיין „בעל־טובה" פאַר דער טאַכטערס באַליידיקונג.

מאָלנדיק די אַרבעטער, מאָלט שוין פּינסקי אויך די בעלי־בתים. עס ווייזן זיך שוין סימנים פון קלאַסן־קאַמף. אַ שטערונג אין קאַמף איז די אַלטע פעסטונג פון שטעטלשער פּאַטריאַרכאַלישקייט, די אידיליע פון טראַדיציע און יום־טובים („יום־כיפור" און „גוט־יום־טוב־ביטן") וואָס שפּינט אַרום זיס־זיידיק סיי בעל־הבתים, סיי „מענטשן". פּינסקי קלערט אָבער ניט קיין סך און צעשיסט די שוואַכינקע פעסטונג אַן רחמנות.

דאָ ווערט שוין פּינסקי אַ נאַטוראַליסט, הגם ניט קיין אָביעקטיווער, נאָר אַן איראָניש־הומאָריסטישער. זיין נאַטוראַליזם וואַקסט אָבער אַלץ מער, וואָס געדיכטער עס קומט צו די אמתע אַרבעטער, די פּועלים פון וואַרשטאַט און די הענט פון פאַבריק. מיר האָבן דאָ סצענעס פון וואַרטן און ניט באַקומען קיין שכירות, סצענעס פון אָנגעשטויסנקייט און קריג און אַפילו פון ערב אַ סטרייק. מיר האָבן אַפילו גאַנץ האַרטע סצענעס („דראַבקין") פון אַ שפּלן אַרבעטער וואָס „קריכט אַרויף", וואָס פאַרליבט זיך אויף אַ ווייבל אַ „קולאַק" און אויף זעט, און ער טרעט שוין אַליין אויף זיינע אַמאָליקע חברים.

אין די סאַמע לעצטע פון די ניינציקער יאָרן, אין די לעצטע דערציילונגען פון פּינסקיס ערשטער בעלעטריסטישער פּעריאָדע, וואָס זענען שוין מער ניט פון אַרבעטער־לעבן, אַנטוויקלט זיך פּינסקי אין אַ שיין־שרייבער. עס הייסט, אַז דער אינטעלעקטואַליזם, וואָס איז געווען פאַרשטופּט פון נאַטוראַ־ליזם, האָט איצט, נאָכן אָפּגאַנג פון דער אַרבעטערישקייט, זיך ווידער רע־האַביליטירט. עס הייסט אויך, אַז אין די לעצטע יאָרן, באַקענענדיק זיך פיל מער מיט די אייראָפּעאישע ליטעראַטורן, מיט פאַרשיידענע ליטעראַרישע שולן און ווערנדיק פון זיי באַאיינפלוסט, האָט זיין אַמאָליקער אינטעלעקטו־אַליזם זיך פיל געלייטערט, ראַפינירט. ניט געדיכטע טענדעציעזקייט, נאָר איידל־דורכגעזייטע שטימונג; ניט אַ ברייטע טענה פון געננוס און רעכט, נאָר אַ שמאַכטנדיקע בענקעניש נאָך לעבנס־פרייד; ניט מער כולו זיכערקייט, נאָר שוין אויך אַן אין דער פינצטער טאַפּנדיקער פינגער נאָך דאָס אומבאַ־שטימטע.

אַן אָנצהערעניש, אַז דאָס שיינשרייבערישע קען קומען, האָט פּינסקי שוין געגעבן אין „ליבע" (1897).

„דער ערד־גייסט" (1900) איז אַ סעקרעטנע שבועות־נאַכטיקע באַגעג־ניש צווישן אַ חתן־כלה פון פרומע הייזער און דער פּאַרליבטער שמועס, אַזוי ווי פון צוויי קאַנאַריקלעך, הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיט אַט וואָס פאַר אַ פּראָלאָגל־עפּילאָגל:

„...איז דער ערד־גייסט געשטאַנען אויפן בערגל הינטערן שטעטל און געהויבן די הענט איבערן קאָפּ און געשטרעקט זיי ווייט פון זיך, און זיין האַרץ האָט שטאַרק געשלאָגן און ער האָט געדריקט די ברוסט, און געזוכט נאָך אָטעם און געדרייט און געקרימט זיך און געבעטלט נאָך ליבע און לוסט און לעבן".

„דאָס מיידלביים אָרון־קודש" (1903) איז אַ סצענע, ווי אַזוי אַ שיין, יונג אָבער אָרעם מיידל פאַלט אַריין אין שול, פאַלט צו צום אָרון־קודש, גאָט בעטן פאַר איר קראַנקן געליבטן. די פרומאַקעס טרייבן זי מיט חרפּות־בזיונות אַרויס. ביי איר אַריינקום לייכט דאָס בית־מדרש און פינקלט, צע־גאַסן מיט זון. אָבער נאָך דער נבלה פון אַרויסטרייבן די ליבנדיקע יוגנט —

„געדיכטע וואָלקנס האָבן פאַרדעקט די זון און די שטראַלן־לייטערס פון הימל צו דער ערד זיינען פאַרשוואונדן. און די מלאַכימלעך זענען פאַרשוואונדן און גאָטס חיילים. שוואַרצע שאָטנס האָבן זיך צעלייגט אי־בער אַ פאַררויכערטן באַלקן... און פון די ווינקלען איז אַראָפּגעהאַנגען דאָס שפּינוועבס שווער און פינצטער".

אין זיינע דערציילונגען פון דער „יידיש־קלאַסישער" צייט, „זרובבל", „יוחנן כהן גדול", „ברוריה" און „די נסיונות פון רבי עקיבא" — פון 1912 ביז 1917 — האָט דוד פּינסקי אויסגעקליבן אַ קלאַסישע פאָרעם. עס איז צום גרויסן טייל אַ קאָמבינאַציע און אַ פאַרפיינערונג אי פון פּינסקיס נאַ־טוראַליזם אי פון זיין שיין־שרייב־פאָרעם. דער טאָן איז אַ חשובער און אַ וויר־דיקער. כאָטש די לײדנשאַפטן זענען די פרימיטיווסטע, די ווילדסטע, ווערן זיי אָבער תנ"כיק־תלמודיש געצוימט. דער גוואַלדיקסטער פּראָטעסט ווערט, אָבער, קוים אַרויסגעבראַכט אויף די ליפּן. איבער אַלץ, אַפילו אין די טראַ־גיש־שטורעמדיקסטע מאָמענטן, שוועבט אַ געפּרעסטע רואיקייט, ווי פון איוב, ווי פון אַן אַלט־גריכישער טראַגעדיע.

די שפּראַך איז געזויבערט, געשניצט. דער סטיל, דער קאַדאַנס, דער שוואונג אַפילו — געוואויגן און געמאָסטן.

די געראָטנסטע אין אָט דער רייע דערציילונגען, באַזונדערס געראָטן אין דער האַרמאָניע פון פאָרעם און אינהאַלט, אין שיינשרייבערישער גע־מאָסטנקייט, איז „יוחנן כהן גדול".

אָט ווי אַזוי דער פאַרזינדיקטער כהן גדול שטאַרבט:

„ער האָט דערהערט וואָס ער שעפּטשעט און דערשראָקן זיך. גאָטס נאָמען אויף זיינע ליפּן און ער איז פול פון גאָט — פון גאָט, קעגן וועלכן ער האָט בוגד געווען. קעגן וועלכן ער איז אַזוי העזהדיק אויפגעשטאַנען! ער האָט זיך צעוויינט. גאַנץ שטיל, אָן דעם קלענסטן טאָן, אָבער זיין האַרץ איז אים גאַנץ צעריסן און צעבראָכן געוואָרן. אויף די לעצטע צייט

האָט ער געוויינט, אויף דאָס מיאוסע לעבן, וואָס ער האָט געפירט, און זיין שטילער געוויין איז געווען פול פון גרויסן בראָך, פול פון תשובה און חרטה, אָבער זיינע אויגן האָבן זיך ניט אָפּגעווענדט פון דער גרויסער שיינקייט און ליכטיקייט אַרום אים. און עס איז געווען, ווי ער וואָלט איצט באַגריפן, וואָס ער האָט זיין גאַנץ לעבן ניט געוואוסט. ווער עס באַשאַפט אַזוי פיל שיינקייט און הערלעכקייט, קאָן ניט זיין בלויז שטרענג און האַרט... ער האָט געוואוסט, אַז זיין סוף איז געקומען. ער האָט זיך דערשראָקן. ער האָט אָנגעהויבן צו שעפּטשען אַ תפילה, האַלטנדיק די אויגן אָפן אויף גאָטס שיינער וועלט... ער האָט נאָר איין באַוועגונג געמאַכט און איז ווי בליי אַראָפּגעפאַלן אין דאָס טיפע וואַסער".

∴

דוד פּינסקי דער דראַמען־דיכטער (די דאָזיקע באַצייכענונג האָב איך פון אים און נאָר פון אים געהערט, און זי פּאַסט אים אויסגעצייכנט) איז גרעסער פון דוד פּינסקי דעם דערציילער. גרעסער ניט בלויז אין פיל גרעסערן אומפאַנג. די גרויס פון פּינסקיס דראַמען איז אַ זעלבסטשטענדיקע, ניט פון קיין היסטאָרישער קאָניוקטור אַן אַרויסקוועלנדיקע, נאָר פון זייער שיינער געדאַנקען־טיפקייט. פּינסקיס דראַמע ווערט אַלוועלטלעך געשפּילט. און עס איז אויך אַ זעלטענער פאַל, וואָס ווערק, וואָס זענען געשריבן געוואָרן פאַר דער בינע, ווערן פיל געלייענט אין ביבליאָטעק — אַזוי ווי פּאָעזיע, אַזוי ווי גרויסע עסייען.

אין זיינע דראַמען האָט פּינסקי דורכגעמאַכט כמעט די זעלביקע שול־ און פאָרעם־אומוואַנדלונגען ווי אין זיינע דערציילונגען. די יאָרן 1894—1898, אומגעפער, האָט פּינסקי פאַרבראַכט אין בערלין, שטודירנדיק ליטעראַטור און קונסט, באַזונדערס צוקוקנדיק זיך צו גערהאַרד הויפּטמאַנס דראַמע. פון יענער צייט נעמט ער זיך אָן מיטן ווילדגראָז פון גערמאַניזמען, וואָס עס קומט אָן שווערלעך די קריטיקערס און די אָפּלאַכערס און אים אַליין אויסצויעטן. פון יענער צייט נעמט ער זיך טיפער אָן מיט נאַטוראַליזם. איבערהויפּט נעמט ער זיך פון יענער צייט אָן מיטן באַשלוס צו שרייבן דראַמען — נאַטוראַליסטישע דראַמען. דעם באַשלוס פירט ער אויס אין אַ פּאָר יאָר אַרום, באַזעצנדיק זיך אין ניו־יאָרק. ער פירט אים אויס אין שרייב־צימער, ניט אין נאָענטסטער שכנות מיט דער בינע. ער פירט אים אויס אין דער געדיכטעניש פון זיין ליטעראַרישן וואַנדל־געוועב.

זיין ערשטע פיר־אַקטיקע דראַמע „אייזיק שעפטעל" איז אַן אַרבעטער־דראַמע. אָן ספק האָבן פאַר אים, בעתן שרייבן, אויב ניט פאָרגעשוועבט, איז זיך פאָרגעטוקט, גערהאַרד הויפּטמאַנס נאַטוראַליסטיש־קלאַסישע „וועבער". אין ביידע פאַרמעסטן זיך די אַרבעטער חרוב צו מאַכן אַ וועלט — און עס גייט אויס צו שטיינער און ביינער. דער נאַטוראַליזם איז אין דער פּיעסע פאַראַן, האַרב און גרימיק, דער באַריידעוודיקער קלאַסיציזם פעלט אָבער. די אַרומיקע מענטשן זענען לעבעדיק געצייכנט, אָבער ווי פריער ביי פּינסקין — אָן פול־בלוטיקייט. דער נאַטוראַליזם פון דער סביבה איז אויסגעאַר־

בעט אמת הויפּטמאַניש, ביז צו דער קלענסטער קלייניקייט. קומט אָבער צום הויפּט־העלד, ווערט דער קוואַל פון זיין לעבן און ליידן פאַרזיגלט מיט גרימיקן שווייגן. דער גרויסער רוסישער אַקטיאָר אָרלעניעוו, וואָס האָט שוישפּילעריש אַזאַ גרויסן דערפאָלג געהאַט אין פּינסקיס „פאַמיליע צבי״, האָט וועגן „אייזיק שעפּטל״ באַמערקט: „אייזיק שעפּטל דעררעדט ניט, וואָס רבי משה צבי (פון „פאַמיליע צבי״) פאַררעדט״. אַ צופעליקע אויפפירונג פון „אייזיק שעפּטל״ אויף דער יידישער בינע האָט אַ שוואַכן רושם געמאַכט. מען קען אָבער גאָרניט וויסן, וואָס אַ רודאָלף שילדקרויט וואָלט פון „אייזיק שעפּטל״ געמאַכט.

אַ צווייטע פּיעסע, פון פּינסקיס יענע ער׳שטע דראַמאַטישע יאָרן, איז „דער אוצר״. אַ סאַטיריש־נאַטוראַליסטישע קאָמעדיע (און טאַקע איינע פון די סאַמע בעסטע אין גאַנצן יידישן רעפּערטואַר) — נאָר אַז ס׳איז געקומען צו דער שלוס־סצענע האָט פּינסקי זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל עס זיין אַ פּראָגראַם־ידיעה, אַ שטראָף פאַר די יידן, פאַר זייער געלט־גייציקייט, צי זאָלן די מתים אַרויס פון די קברים און פּראָטעסטירן, פאַרוואָס די לעבעדיקע, גראַבנדיק דעם אוצר, האָבן געשטערט זייער בית־עלמין־רו. און מערקווירדיק, די אינטעליגענטע דייטשע אַקטיאָרן־טרופּע, וואָס אין 1918 האָט זי געפונען שוין אַרום יידישן טעאַטער, האָט אויף דער פּיעסע געקוקט ווי אויף אַ „מערכן״. ווען „דער אוצר״ וואָלט ניט געהאַט אַזאַ ריזיקן פּערסאָנאַל — אַ גאַנץ שטעטל דערשיינט אויף דער בינע — וואָלט זי אפשר קיינמאָל פון דער סצענע ניט אַראָפּ. די פּיעסע שפּילט זיך גוט. לכל־הפחות אַרום דעם קברות־מאַנס טאָכטער צילי צעשפּילן זיך לעבעדיק־גלוטיקע טעאַטער־סיטואַציעס.

אין דער „פאַמיליע צבי״, וואָס איז געקומען אין 1903־1904, איז פאַראַן קאַמף, אָבער ניט קיין סיטואַציעס. דער נאַטוראַליזם איז דאָ אין סוזשעט, אָבער ניט אין די מענטשן. געוויס פעלט די פיל־ריידעוודיקע מענטשן פּולבלוטיקייט. „פאַמיליע צבי״ איז, אַלס פּראָבלעם־פּיעסע — וואָס וועט זיין דער סוף פון יידישקייט? פון קידוש־השם? — אָן ספק אַ ווידעראויפכאַפּן זיך פון דער אַמאָליקער זשורנאַליסטישער באַמבלעניש אין פּינסקיס בעלעטריסטיק. אויף דער גרויסער יידישער בינע איז די פּיעסע פּאַקטיש ניט געשפּילט געוואָרן.

„יענקל דער שמיד״, פון 1906, איז ווידער אַ נאַטוראַליסטישע פּיעסע, מיט גאַנץ קענטיק־געצייכנטע כאַראַקטערן, אָבער אָן שאַרף־צוגעשפּיצטע סיטואַציעס. די קליינלעכע וואָכעדיקע סצענעס ווערן אָבער באַהויכט מיט אַ העכערן געדאַנק — די קראַפט פון דער פרוי.

צוגעבנדיק נאָך צום אויבּיקן צעטל די פּיעסן „די מוטער״ און „יעדער מיט זיין גאָט״, וואָס ביידע האָבן, העכסט וואַרשיינלעך, איבער ניט־גענוגקייט פון בלוט־רויטער פאַרב, נאָכמער נאָך איבער דער קנאַפּקייט פון דראַמאַטישע סצענעס, פון דער בינע קיין טיפן רושם ניט איבערגעלאָזט, — בין איך אייגנטלעך פאַרטיק מיט פּינסקיס נאַטוראַליסטישע דראַמען. קען איך זיך פריי ווענדן צו זיינע שיינשרייבערישע פּיעסן, ריכטיקער, דראַמאַטישע געדאַנקען־ און שטימונג־דיכטונגען.

.:.

„גאַברי און די פרויען", פון 1908, איז אַ געדאַנקלעכע אויסברייטונג פון דער נאַטוראַליסטישער דראַמע „יאַנקל דער שמיד", פון 1906. די גייסטיק־מאָראַלישע קראַפט פון דער פרוי, איר הערלעך־באַשיצערישע מוטערלעכקייט, ווערט נאָך פיל פאַרטיפט דורך דעם קאָנטראַסט מיטן הונגעריק־נאַשנדיק־זוכנדיקן מאַן. דער ענדגילטיקער זיג איז, נאַטירלעך, אירער.

„דער שטומער משיח" האָט זייער אַ טיפן געדאַנק, וואָס ווערט אויך שיין אַרויסגעגעבן. דאָס איז אַ פראַגע, וויפל פון דעם גרויסן געדאַנק פון דעם נביא אָדער לערער־פירער דערגייט צום עולם, צום המון? דער ענט־פער איז, אַז אָדער ווייניק, אָדער גאָר אויף אַ פאַרקערטן אופן. און פאַרוואָס? ווייל דער נביא אַרבעט קיינמאָל ניט אוממיטלבאַר, נאָר דורך אַ שליח — און ער פאַרדאַרבט.

דער געדאַנק פון דער פיעסע איז איינגעוויקלט אין טיפע סימבאָלן, מיט שוואַכע סצענעס, מיט קליינע סיטואַציעס. דער הויפט־העלד האָט אַפילו ניט אייזיק שעפטלס קנאַפע ווערטער — ער איז אינגאַנצן אַ שטומער און אַ דערציעריש־עטישע. אָבער ניט די צו־בולטקייט פון די פאַרשוינען, דער עיקר אָבער, די אָפּוועזנקייט פון שאַרפע סיטואַציעס, מאַכט ניט גרינג דעם געדאַנק סצעניש אַרויסצולייענען. דוד קעסלער, עליו השלום, העכסט וואַר־שיינלעך נאָך אַ לאַנג־דויערנדיקן אַריינקנעלן מיט אים, האָט דעם געדאַנק גוט אַרויסגעבראַכט. דאָס האָט באַוויזן אַז די ראָלע קען נאָר אַרבעטן דורך פאַנטאָמימע. ביי גוטע קרעפטן, האָט דאָך די פיעסע קיין גרויסן דערפאָלג ניט געהאַט.

אַלע פינסקיס געדאַנקען־ אָדער שטימונג־פיעסן אויסרעכענען איז ניט מעגלעך. איך וועל נאָך נאָר דערמאָנען אַ פּאָר סאָציאַלע פיעסן. אַנדערש ווי אין דער דערציילונג, איז אין דער דראַמע פינסקי פונעם אַרבעטער און סאָ־ציאַליזם קיינמאָל ניט אַוועק. אויב ער מאָלט ניט די יידישע אַרבעטער אין פאַבריק, מאָלט ער זיי אין דער פאַמיליע („בעסער ניט געבוירן ווערן"), אויב ער מאָלט זיי ניט אין אַמעריקע, מאָלט ער זיי אין ארץ־ישראל („דער כוח וואָס בויט"). די צוויי דראַמען, וואָס איך וויל דערמאָנען, האָבן אָבער קיין היים ניט, זיי זיינען אַלוועלטלעך.

די ערשטע — „דער שניידער ווערט אַ קרעמער", איז אַ סאָציאַלע סאַ־טירע. זי מאָלט דעם יידישן אַרבעטערס אומזיסטיקע צאַפּלענישן אַרויסצו־קריכן פון דער אַרבעט. זי סאַטיריזירט די באַבסקע רפואות פון יידישע און אַנדערע סאָציאַלע היילער־לאַטוטניקעס. די פיעסע איז מיט אַ געוויסן דער־פאָלג געשפּילט געוואָרן אין אַ רעגירונג־„פּראָיעקט". די צווייטע איז די פיל עלטערע דראַמע „בערג שטייגער", וואָס שפּילט זיך כלומרשט אָפּ אויף אַ קלעטער־עקספּעדיציע אויף די בערג. עס איז אַ טיף־סימבאָלישע פיעסע פון לעבן און לעבנס־קאַמף, ריכטיקער — קלאַסן־קאַמף. די מענטשן זענען קיין פאַרשוינען ניט, נאָר סימבאָלן, וואָס גיבן אָנצוהערן אויף פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע שיכטן. עס ווערט פאָרגעשטעלט זייער שטייגן אויף די

בערג — אויפן באַרג פון לעבן. עס ווערט פאַרגעשטעלט זייער באַציאונג און זייער באַנעמונג איינס צום צווייטן און זייער באַנעמונג צו די גרויסע לעבנס־אינטערעסן, צום ביישפּיל, ליבע, פריינטשאַפט. פיל דערפילן זייערע פונק־ציעס ברוטאַל, אַנדערע — איידל. אַלעמענס לוין און סוף איז דער טויט, — אָבער פאַר די איידעלע און אמתדיק־ליבנדיקע איז ער דאָך ניט אַזוי איינזאַם־שווער.

לכל־הפּחות צוויי פּיעסן זענען דאָ ביי פּינסקין, וואָס דאַרפן באַצייכנט ווערן אַלס קלאַסישע. איינע איז די זייט יאָרן שוין פאַראַנענע „מרים פון מגדליה" (מאַריאַ מאַגדאַלענאַ). עס איז זייער אַן ערנסטע, טיפזיניקע פּיעסע, אַ טיפע נאָכדענקונג וועגן דעם טיפערן זין פון לעבן. מרים איז די באַ־וואוסטע זינדיקע פרוי פון „נייעם טעסטאַמענט", וואָס אַנטרעפנדיק זיך מיטן „דערלייזער", וואַרפט זי אירע זינד, ווידמעט איר לעבן צו אים און צו הימ־לישער הייליקייט.

די פּיעסע איז קלאַסיש מיט איר הויכן, ווירדיקן טאָן. עס ווערן געמאָלן די שטאַרקסטע ליידנשאַפטן און צוזאַמענשטויסן. דאָך הערשט איבער אַלץ אַ פעסטע איינגעהאַלטנקייט. מרים, די שוואַכע פרוי, זיגט איבער אַלעמען. אין דער האַנדלונג זיגט זי שוין אַפילו ניט מיט איר פרויען־קראַפט, נאָר מיטן כוח פון גייסט, וואָס איז ביי איר אַן אָפּשטראַלונג פון איר „לערער". זי איבט אויס איר ווירקונג מיט איר שטילן, הייליקן חן. אַלץ קומט פאָר מיט פיין־געצאַמטער ווירדע און געלאַסנקייט.

די צווייטע בלתי־ספק קלאַסישע דראַמע איז „אַלעקסאַנדער און דיאָ־גענעס". די קלאַסישקייט ליגט ניט נאָר אין דער טעמע, נאָר מער נאָך אין איר אויסאַרבעטונג. גרויסע אַלמענטשלעכע געפילן, אייביק־טראַגישע שטריכן — למשל דער מיסברויך פון מאַכט און איר פאַרדאַרבונג, פריינטשאַפט און איר פאַלשע באַלוינונג, ווילדע זינד און געפּלאָגטער געוויסן — אַלץ אַלט־גריכיש, פּאַטאַליסטיש צוגעפאַרבט — ווערן דורכגעפירט שניידנדיק־שאַרף, דאָך אָן איבעריקער פּאַטעטיק. טראַגעדיע נאָך טראַגעדיע שפּילן זיך אָפּ. און מער פון אַלעמען ווייַנט — די אייביקייט.

„אַלעקסאַנדער און דיאָגענעס" איז אפשר ניט צום שפּילן. אין לייענען פאַרשאַפט עס אַ הויכן גענוס, ווי אַלץ וואָס איז טראַגיש, טיף און איידל.

* *
*

אַלע זיינע גרויסע צילן וואָס ער האָט זיך געשטעלט האָט ער פולשטענ־דיק, גליקלעך דערגרייכט. ער האָט געוואָלט באַשאַפן אַ יידישן סאָציאַליזם, און ער, און אַנדערע האָבן אים באַשאַפן. ער האָט געוואָלט באַשאַפן אַ יידישן נאַציאָנאַליזם — איז ער, מיט זיין גרויסן חלק, באַשאַפן געוואָרן. ער האָט געוואָלט, צוזעענדיק ווי קליין די דעמאָלסדיקע יידישע ליטעראַטור איז גע־ווען, באַשאַפן אַ גרויסע, אַ רייכע יידישע ליטעראַטור — און ער און י. ל. פּרץ, און אַנדערע, האָבן זי באַשאַפן.

גענקירצט פון פּינסקי יובל נומער
„פאַרבאַנד שטימע", נאָוועמבער 1942

זלמן שזר :

אַ מצבה פאַר דוד פינסקי

(פון זיין רעדע אויף דער אזכרה צו די שלושים)

אין דער פרעמד, ווייט פון ארץ־ישראל, האָט מיך דערגרייכט די ידיעה, אַז דאָס ליכט פון דוד פינסקי, וואָס איז זינט עטלעכע יאָר שוין פאַר־טונקלט געוואָרן, האָט זיך אויסגעלאָשן. ס׳האָט מיך דורכגענומען דער טרויער. אָבער איך האָב זיך אין מיין געמיט ניט געזען פאַרעלנט אין מיין טרויער. כ׳בין געוואָרן אַ מיטשותף אין דעם טרויער פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ס׳איז צוגענומען געוואָרן איר גלאַנץ; כ׳בין געוואָרן אַ מיטשותף אין דעם טרויער פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג, וואָס ס׳איז נסתלק געוואָרן איינער פון אירע בעסטע פירערס און גרינדערס; כ׳בין געוואָרן אַ מיטשותף צו דעם צער פון דעם יידישן פאָלק, ביי וועמען ס׳איז צוגענומען געוואָרן איינער פון זיינע איידלסטע זין און באַשאַנקנסטע שרייבערס, און כ׳בין אויך געוואָרן אַ מיטשותף אין דעם טרויער פון דער שטאָט חיפה, — ניט ווייל כ׳האָב גע־טראַכט, אַז גאַנץ חיפה איז איינגעהילט אין טרויער, אָדער אַפילו אַז אַלע אירע באַוואוינער ווייסן, ווער ס׳איז געווען דער מאַן, וואָס האָט געלעבט צווישן זיי און איז ערשט פון זיי צוגענומען געוואָרן, נאָר ווייל אין די לעצטע יאָרן איז די גייסטיקע לאַנדשאַפט פון חיפה כאילו באַרייכערט און אויסגע־איידלט געוואָרן דורך דעם פאַקט גופא, וואָס דוד פינסקי האָט זיך אין איר באַזעצט. די פינסקי־פייערונגען אין חיפה, זיין אַכציק־יאָריקער יובילײ אין חיפה, דאָס צוטיילן ערן־בירגערשאַפט דעם דערהויבענעם שרייבער מצד דעם חיפהער שטאָטראַט, די גאַס אויפן הר־הכרמל וואָס טראָגט זיין נאָמען, די מאַמישע זאָרג פאַר פינסקין אין די יאָרן פון זיין קראַנקהייט אין חיפה, זיינע ביכער וואָס זענען דערשינען איינס נאָכן אַנדערן פאַר דער צייט פון זיין וואוינען אין חיפה; פינסקיס ליטעראַרישע טרוימען, וועלכע זענען אויפגעג־קומען און זיך צעבליט אין זיין הויז אין חיפה; די באַזוכן פון אַ סך געסט פון אויסלאַנד און פון לאַנד ביי אים אין חיפה, אַז ס׳איז שוין געוואָרן אומ־מעגלעך צו קומען קיין חיפה און ניט אַרויפצוקומען און פאַרווילן אַביסל אין זיין געזעלשאַפט, סיי ווען זיין זינען איז נאָך געווען לויטער, סיי אין די לעצטע יאָרן ווען ס׳האָבן זיך געמערט ביי אים די רגעס פון פאַרטונקלונג. די אַלע זאַכן האָבן ווי דערהייבן חיפה אַליין צו אַ שטאַפל פון אַ העכערן קולטור־ניוואָ, פון איר אַלץ מער אַריינפלעכטן זיך אין דעם קולטור־לעבן פון דעם פאָלק און דעם דור. כ׳האָב געוואוסט אַז מיין געמיט באַטייליקט זיך אין איר דאַזיקן טרויער — זאָל זיין אַז פון בלויז אַ הייפל איינוואוינער וועלכע פילן היינט וואָס ס׳איז צוגענומען געוואָרן פון זיי און זייער לאַנדשאַפט.

דוד פינסקי איז געווען אַ קינסטלער מיט אַריכת־ימים און מיט אַ יאָרן־לאַנגן שאַפן. ער האָט ניט בלויז געלעבט 87 יאָר, נאָר, מיר דאַכט זיך, אַז צווישן די יידישע שרייבערס איז ער פון די ווינציקע, וואָס דער גורל האָט אים צוגעטיילט זיבעציק שעפערישע יאָרן. פינף און זעכציק יאָר איז די

פען ניט אָפּגעטראָטן פון זיין האַנט, און ווער ס'האָט נאָכגעפאָלגט זיין שאַפן האָט געוואוסט, אַז ער האָט געהאַט אַ סך אויפשטייגן און אַ סך אַראָפּנידערונ־גען, און ניט תמיד זענען די ענדערונגען געווען אָפּהענגיק פון זיין עלטער. ווען פּינסקי פלעגט זאָגן אַז ער איז ניט גורס קיין עלטער, איז זיין דאָזיקער זאָג חל געווען בעצם אויף זיין שאַפן. ס'איז אין אים מקויים געוואָרן דער באַגריף „בן ק' כבן כ' " (דער הונדערט־יאָריקער ווי דער צוואַנציק־יאָריקער), דאָס הייסט, אַ שרייבער וואָס די עלטער האָט ניט קיין שליטה אויף זיינע ווערק. און ער האָט געקענט מיט דער זעלביקער פרישקייט און ליבשאַפט צו אויס־פּירלעכקייט און מיטן שאַרפן בליק, מיט דער זעלביקער פּאַרטיפטער אַריינ־טראַכטונג און וואַכיקער תשוקה אַריינזאַפּן אין זיך די ווירקלעכקייט ווי זי איז און זי שילדערן אין אירע איינצלהייטן אין די יאָרן פון זקנה ווי אין זיינע ערשטע יאָרן. תמיד מיט דער זעלביקער שאַפונגס־פּאַסיע, וואָס זי איז ביי אונדז דורכויס דער סימן פון יונגשאַפט, ביז זיין ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן, און ס'האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן ניט נאָר דער כוח פון שרייבן, נאָר אויך דער לעבנס־כוח.

און דערפאַר בין איך געקומען אַהער. און אַט שפּיר איך אַז ניט צו טרויערן בין איך געקומען, נאָר אָנצונעמען זיך מיט שטאָלץ צוליב זיין עצם־עקזיסטירן, צו באַוואונדערן דעם דאָזיקן פענאָמען, דעם ליטעראַרישן, דעם יידישן, דעם מענטשלעכן, וואָס זיין נאָמען איז דוד פּינסקי. און ס'איז פאַראַן אַ גרויסער באַגער צו טאָן דאָס נישט ביחידות, נאָר קאָלעקטיוו, צו באַ־וואונדערן צוזאַמען און אָננעמען זיך מיט שטאָלץ ברבים, וואָס ער האָט גע־לעבט און געשאַפן צווישן אונדז. ווייל דוד פּינסקי האָט תמיד געהאַט די נטיה צו זען אין זיין שרייבערישן טאַלאַנט, מיט וועלכן גאָט האָט אים באַשענקט, ניט קיין שפּילצייג צו פאַרווילן זיך דערמיט און אויך ניט קיין אויסדרוק־מיטל פאַר פּערזענלעכער הנאה. פּינסקי געהערט צו יענע שרייבערס, וועלכע האָבן שטענדיק געפילט, אַז די פּען אין זייער האַנט איז אַן אינסטרומענט מתקן צו זיין די וועלט, מתקן צו זיין דאָס פאָלק וואָס האָט אים געשענקט טאַלאַנט, און ער האָט אים גענומען כדי צו דינען דעם פאָלק.

ש. ניגער האָט אין זיין בוך וועגן יידישע שרייבערס געשריבן וועגן פּינסקין, אַז ווי אַ דערציילער געהערט ער צו די „אידייען־שריפטשטעלערס" ; ניגער שיידט אונטער שטאַרק צווישן טענדענץ און אידייע ; אויף עברית וואָלטן מיר געזאָגט, אַז פּינסקי איז געווען אַ שרייבער אַ וויזיע־טרעגער (נושא־חזון) ; אַ שרייבער וואָס פאַרמאָגט אַ גאָט אין האַרצן, און ער דינט זיין גאָט מיט זיין פּען. אויף פּינסקין מעג מען זאָגן, אַז פון זיינע ערשטע יאָרן ביז דער פאַרטונקלונג פון זיין שיין האָט ער געדינט זיין גאָט באמונה, געדינט מיט זיין פּען זיין פאָלק און זיין וויזיע.

אויך אין דער צייט פון די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן", ס'הייסט נאָך פאַרן אַנטשטיין פון דעם „בונד", און פאַרן אַנטשטיין פון דעם פּאָליטישן ציוניזם, איז שוין פּינסקי געווען אַ פּרוכטיקער שרייבער. זיין שרייבערישע טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן אַכט יאָר פאַר הערצלס דערשיינען, זיבן יאָר פאַר דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאַר פון „בונד". ער איז דעמאָלט געווען אין גאַנצן דורכגענומען מיט דעם געפיל, אַז יידיש איז געקומען דערהייבן די

פאָלקסמאַסן, צו ברענגען אויפקלערונג אין זייערע אָרעמע הייזלעך, אויסצו־גלייכן זייערע רוקנס און באַרייכערן זייער גייסט. און דערפאַר איז אַ ידישער שרייבער, וואָס איז ניט קיין פּרעדיקער, נאָר אַ שילדערער, מחויב צו שיל־דערן ווי אַ פּרעדיקער. דאָס איז דער ערשטער איינדרוק וואָס מיר באַקומען פון זיינע שאַפונגען פון יענע יאָרן. דערפון — זיין פּלאַץ צווישן די אָבות פונעם יידישן סאָציאַליזם. ווייל אין זיין אָנהייב איז פּינסקי קודם־כל געווען אַ יידישער סאָציאַליסט, און דער פירנדיקער געדאַנק אין זיינע דערציילונגען איז געווען וועגן דעם רוקן־אויסגלייך פון דעם באַליידיקטן „איך" אין דעם יידן, וואָס וויל שוין מער זיין באַליידיקונג ניט טראָגן.

און שוין דעמאָלט האָט ער פאַרמאָגט די אייגנשאַפט, וואָס וועט אים פאַרבלייבן ווי דער גרעסטער זכות אין זיין לעבן: ער איז געווען דער ער־שטער צווישן אונדז, וואָס האָט פאַרבונדן די אַרבעטער־באַוועגונג מיט דער ליטעראַטור און זיי ביידן געדינט פאַר אַ שליח. אין אָנהייב זענען זיי געווען צוויי באַזונדערע געביטן. דער שרייבער פון יענעם דור, אויך דער יידישער שרייבער, איז געווען אויסבאַהאַלטן אין זיין געצעלט, ערגעץ־וואו אויף אַ שפּיץ באַרג, און די אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך קאָנצענטרירט אין די פּעריפעריעס פון שטאָט און שטעטל. פּינסקי איז געווען דער ערשטער וועל־כער האָט אומגעוואָרפן די מחיצה. ער איז עס געווען דער וואָס האָט מזווג געווען דעם לייב פון דער שרייבער־חבריא, י. ל. פּרצן, מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט אָנגענומען פּרצן מיט זיינע הענט און אים געבראַכט צו פירן אויף אַן אומלעגאַלער אַרבעטער־פאַרזאַמלונג. ס'איז פאַראַן ביי פּרצן אַ וואונדערלעכע שילדערונג, ווי ער איז געקומען דאָס ערשטע מאָל אויף אַ געהיימער אַרבעטער־פאַרזאַמלונג אין וואַרשע און פון דעמאָלט אָן איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז ער געהערט צום „בונד". פּרץ איז ניט געווען קיין בונדיסט. אָבער ער האָט געבראַכט אין די קעלערס און אויף די בירזשעס פונעם „בונד" די בשורה פון דעם ליטעראַטור־פרילינג, און דער געבענטשטער אונטערפירער, וועלכער האָט אים געפירט אַהינצו, איז גע־ווען דוד פּינסקי.

און פּינסקי האָט גענומען וואַלט ליעסינען פון דער אַרבעטער־בירזשע און אים אַרויפגעפירט אין דעם שרייבער־קלוב. ליעסין האָט אָרגאַניזירט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג מיט דער כוונה זי זאָל זיין מער נאַציאָנאַל, ווי ס'האָבן גורס געווען די שטרעבונגען פון „בונד", און זאָל זיין מער ציו־ניסטיש, איידער ס'איז אַנטשטאַנען דער פּאָליטישער ציוניזם. און ער, ליעסין, איז געווען פון די גרונטזיילן פון דעם „בונד" אין דער צייט פון זיין אָנהייב. ער האָט געשריבן לידער, מייגסטנס אונטער אַ פּסעוודאָנים, און די לידער זענען זיך צעגאַנגען אויף אַן אומלעגאַלן אופן צווישן די יידישע אַרבעטער־קרייזלעך, און זיי זענען באַליבט געוואָרן. האָט פּינסקי אָנגענומען ליעסינען מיט זיין האַנט און אים אַריינגעפירט אין די שרייבער־קרייזן, ביז ליעסין איז אויסגעוואַקסן און געוואָרן באַרימט, און געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דעם סאָציאַליסטישן חודש־זשורנאַל „צוקונפט" אין ניו־יאָרק. גלייך אַזוי ווי פּינסקי האָט „אַראָפּגעפירט" פּרצן אין „קעלער" פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַזוי האָט ער אויך „אַרויפגעפירט" ליעסינען פונעם קעלער פון

דער אַרבעטער־באַוועגונג אויפן „איבערשטיבל" פון דער ליטעראַטור. דורך די דאַזיקע זיווגים האָט פּינסקי געשלאָסן אַ בונד צווישן דער ליטעראַטור פון יענער צייט און דער פרייהייטס־באַוועגונג. דער דאַזיקער לעבנס־בונד האָט באַשאַנקען מיט וויזיע די סאָציאַליסטישע באַוועגונג און אַריינגעשפּריצט פערמענטירנדיק בלוט אין דער ליטעראַרישער שאַפונג.

און דעמאָלט האָט פּאַסירט אַ געשעעניש אין פּינסקיס שאַפן, וואָס איז געווען אַ גרויסע און אומפאַרגעסלעכע דערשיינונג פאַר אונדזער גאַנצן דור, פאַר דער גאַנצער אויפלעבונגס־באַוועגונג פון יענער צייט: ס'איז דערשינען די „פאַמיליע צבי". ס'איז היינט ניט מעגלעך צו שילדערן דעם מעכטיקן רושם, וואָס ס'האָט אויף אונדז געמאַכט בשעתּה די דאַזיקע שאַפונג. איך געדענק נאָך די לייען־שעהן פון „פאַמיליע צבי", ווען זי איז דערשינען אין אַ זשענעווער דרוקעריי אויף פאַפּיראָס־פּאַפּיר, און מ'האָט זי געמוזט ליי־ענען ווייט פון די אויגן פון דער פּאָליציי און דער געהיים־פּאָליציי. אַ פריינד, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור, האָט זי אונדז געבראַכט צו פירן פון אויסלאַנד. און דערשינען איז זי דעמאָלט באַלד נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם. אין פלוג, וואָס באַדייט דער קעשענעווער פּאָגראָם אין פאַרגלייך מיט די שחיטות בימי־פּעטליורע? און קעגן דעם אומ־קום בימי־היטלער ווערן דאָך אַוודאי פאַרבלאַסט אַלע פריערדיקע פּורעניותן. אָבער פון שטאַנדפּונקט פון דער דערשיטערונג, וואָס האָט דעמאָלט דורכ־גענומען אונדזער ציבור, פון שטאַנדפּונקט פון דער ווערטן־איבערשאַצונג פונעם דור, פון שטאַנדפּונקט פון דעם אַריינפלעכטן זיך פון דער יידישער פּיין אין דעם קאַמף פאַר פרייהייט אין צאַרישן רוסלאַנד — איז נישט גע־ווען קיין געשעעניש אַן ענלעכע צו דער קעשענעווער. ס'איז זייער מעגלעך, אַז אַן ביאַליקס „שחיטה־שטאָט" וואָלט דער קעשענעווער פּאָגראָם ניט געווען געמאַכט דעם דאָזיקן מעכטיקן רושם. די דאַזיקע צווייטע גאָב פון דעם פּאָג־ראָם האָט, דורך דער פּאָעמע די „שחיטה־שטאָט", ווי פאַרקערט דעם ווייטיק אין בונט און אויך אים באַגאָסן מיט דער הערלעכער שיין פון שליחות פאַר דער עפּאָכע. זי האָט עס געמאַכט דעם נאַציאָנאַלן בראָך פאַר אַ ווענדפּונקט פאַר אונדזער פאָלק, פאַר אַ גרויסן „עד־כאן". כ'בין דעמאָלט געווען אַ 14־יאָריק ייִנגל, ווען כ'בין אַריינגעלאָפן אין שול אום תשעה־באב און האָב פאַרגעלייענט פאַר אַלע דאָוונער פון חסידישן שטיבל ח. נ. ביאַליקס „שירי הזעם". און דער ציבור האָט די זאַך אויפגענומען מיט כבוד, ווייל זיי האָבן אָפּגעפילט, אַז די שירה פלעכט זיך צונויף מיט דער קינה „ציון הלא תשאלי"...

און אַ ייִנגערע שוועסטער פון דער „שחיטה־שטאָט" אין דער קעשענעווער ליטעראַטור איז אויף יידיש געווען די „פאַמיליע צבי" פון דוד פּינסקי. פּינסקי האָט ניט געשילדערט דעם גרויל און די שאַנד פון די וואָס האָבן זיך באַ־האַלטן, נאָר אַרויסגעבראַכט די טראַגעדיע פון דער חרובער שול, דעם אָנהייב פון דעם פונאַנדערפאַל פון דער יידישער פאַמיליע און דעם גורלדיקן וויכוח צווישן דעם ציוניסט און דעם בונדיסט מיט דעם אַסימילאַטאָר. צווישן יענע וואָס לייגן זייער האָפענונג אויף דער רעוואָלוציע און יענע וועלכע זעען די פּראָבלעמען, וואָס אויך די רעוואָלוציע איז ניט מסוגל זיי צו פאַרענטפערן. און איבער אַלץ איז דאָרט געווען די גרויסע געשטאַלט פון דעם טאַטן פון

דער פאַמיליע, משה צבי, וועלכער לויפט ראַטעווען די ספר־תורות פון דער שול, אין וועלכער די פאָגראָמשטשיקעס האָבן זיך אַריינגעריסן. אין דער דאָזיקער „פאַמיליע צבי", וואָס האָבן פאַרלאָזט דעם אַלטן טאַטנס וועג, האָט זיך אָנגעהויבן די פרשה פון דער גרויסער איבערבעטונג צווישן די דורות. און ביי זיי אַלע האָבן זיך מיטאַמאָל געעפנט די אויגן צו דערזען, אַז דאָס ליכט פון אידעאַליזם און רעוואָלוציע געפינט זיך ניט נאָר ביים בונדיסט און פועלי־ציוניסט, נאָר אויך, און אפשר בעיקר, אין האַרצן פון דעם אַלטן מגיד, וועלכער שטעלט דאָס לעבן אין קאָן צו ראַטעווען די ספר־תורות, זיי זאָלן ניט פאַרשוועכט ווערן.

שוין אין דעם עצם פאַקט, וואָס די דאָזיקע שאַפונג איז דערשינען אין דער דרוקעריי פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און פאַרשפּריים געוואָרן אויף אַן אומלעגאַלן אופן, איז געווען אַ מין אָנהייב פון בייגן דעם קאָפּ מצד דעם אַסימילאַטאָר און דעם ציוניסט און אַן אָנהייב פון אַ באַגער צו מאַכן אויפסניי דעם חשבון מיטן טאַטן, דעם אַלטן מגיד, וואָס פון זיין שוועל זענען זיי אַנטלאָפן. ניט אַנדערש, אַז אויך אין זיינע אוצרות איז איינגעהיט די באַהאַלטענע שיין וואָס איז אונדז ניטיק, ווען מיר גייען אַרויס קעגן עמאַנצי־פּאַציע, סיי קעגן אויטאָעמאַנציפּאַציע...

מיר ווייזט אויס, אַז אַזוי ווי פּינסקי האָט עס ניט געמאַכט קיין שום שרייבער אין יענעם דור, און פון זינט זיין עמיגרירן איז ער געוואָרן — כ'וועל ניט גרייזן און ניט מגזם זיין — דער געזאַנג־מייסטער פון אונדזער אויפלעבונגס־ליטעראַטור אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע.

פּינסקיס באַפּעלקערונג איז זייער אַ בונטע. ער האָט ליב רעאַליטעט, האָט ליב שילדערונג. די וועלטן פון מאַנצביל און פרויען אין זיינע שאַפונגען שטויסן זיך צוזאַמען, אַלע לעבן זיי איר לעבן אין דעם הווה וואָס פאַר אים. אָבער פּינסקי, דער גרויסער רעאַליסט, האָט נאָכן אָנהייב פון דעם איבערבעטן זיך פון די דורות, נאָכן אויסשטרעקן די האַנט פון דאַנען אַהין, איינגעזניט זיין אויג אַריינצודרינגען אויך אין די זייער וויטע דורות און צו פּרואוון זוכן אויך ביי זיי די גרויסע בענקערס, וואָס זייער שטרעבונג גליט נאָך היינט אין אונ־דזערע הערצער. פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן דער דיכטער פון משיחיזם אין דער יידישער ליטעראַטור.

אַ סך דערציילערס האָבן געפּרואווט שרייבן וועגן משיחיזם ביי יידן, אויך אין לעצטן דור, אויף עברית, יידיש און אַנדערע שפּראַכן. וועגן מולכו, וועגן דער צייט פון שבתי צבי, וועגן דוד אלרואי און וועגן בר־כוכבא. פאַרשיידן זענען די שרייבערס און פאַרשיידן זייער צוגאַנג. און ווער עס פאַרשט נאָך די ענדערונגען אין דער באַציאונג פונעם פאָלק צו די ראַנגלענישן פון אירע דערלייזערס, ווייסט, אַז בייגאַנד מיט דער וויסנשאַפטלעכער קאָמענטירונג האָט זיך אַנטוויקלט אויך אַ קאָמענטירונג פון דיכטערס און דראַמאַטורגן, וועלכע איז לחלוטין ניט ווינציקער אין איר ווערט. און צווישן די דאָזיקע שרייבערס און דיכטערס פאַרנעמט פּינסקי אַ פּלאַץ צווישן די ערשטע. ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיטן שילדערן די טראַגעדיע פון איינעם פון די משיחים. ער, וועלכער האָט געשריבן ס'ווערק „דער אייביקער ייד", האָט אויך גע־

שריבן וועגן רבי עקיבא, און געשריבן וועגן מולכו און ראובני, און געשריבן „שבתי צבי". און ער האָט זוכה געווען דערצו, אַז מיטן כוח פון זיין „שטומער משיח" (דער אייביקער ייד) איז דער משיחישער מאָטיוו געוואָרן דער גרונט־מאָטיוו פון אונדזער „הבימה" אין אַלע אירע גרינדונג־יאָרן און אַ סך יאָרן שפּעטער. ער האָט געשטרעבט צו אַנטפּלעקן די גאַרע אויפפלאַמונג פון די גאולה־געדאַנקען ביי יידן. עס איז דערין געווען דער באַגער צוצוגעבן אַק־טואַליטעט, ווייטע געשיכטלעכע געשעענישן און אפשר אויך צו אַנטפּלעקן דעם אַקטועלן געשיכטלעכן קאָליר אין די שטרעבונגען, וואָס זענען פאַר־שפּרייט אין אונדזער דור. אויך וואוינענדיק דאָ צווישן אונדז, האָט ער ניט אויפגעהערט אַראָפּצולאָזן זיך אין די טיפענישן פון די מענטשן וואָס ווירקן אַרום אים („דער כוח וואָס בויט") און האָט אויך פאַרטראַכט אַריינצובליקן ווייט אין די טיפענישן פון דורות, ביז שאולן און ביז משהן... און כל־זמן זיין האַנט האָט געקאָנט האַלטן די פּען, האָט זיין מוח ניט אויפגעהערט צו זען געשטאַלטן און שילדערן געשטאַלטן.

און נאָך עטלעכע ווערטער וועגן פּינסקיס רייזע־ביכער. אין יאָר 1937 איז פּינסקי געפאָרן קיין רוסלאַנד. באמת, מיר אַלע לעבן איבער דעם שטו־מען בראָך, וואָס אויף יענער זייט פאַרהאַנג. מיר אַלע זענען שטאָלץ אויף דער יידישער איבערגעגעבנקייט פון אַ סך פון אונדזערע ברידער דאָרטן און אויף דער מידה פון מסירת־נפש, וואָס האָט זיך אין זיי אַנטפּלעקט. און מיר אַלע זענען דערשיטערט פון דער פאַלשקייט און דעם ברידער־פאַרראַט וואָס איז זיך שטאַרק צעוואַקסן, און פון דעם אומגליק, וואָס ס'זענען דאָרט אומ־געבראַכט געוואָרן די יידישע שרייבערס, וועלכער האָט אונדז געטראָפן ווי אַ זעץ איבערן קאָפּ. מער ווי מיר ווייסן, שטויסן מיר זיך אָן, ווייל דער וועג איז פאַרשפּאַרט. ס'איז אונדז אַ נס געשען וואָס מיר האָבן געהאַט אַ שליח־ציבור ווי פּינסקי, וועלכער האָט באַוויזן צו דערזען די צייכנס פון דעם אָנ־קום פון דעם אומגליק, איידער ער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אַלעמענס אויגן. ער האָט דאָרט באַזוכט זיינע קאָלעגן די שרייבערס איידער זיי זענען אַוועק אויף יענער־וועלט, און פאַרגעזעגנט אַז זייער ביטערער סוף איז נאָענט. ווען מען לייענט היינט די דאָזיקע רייד, דאַכט זיך אויס, אַז אַ געשיכטלעכע שפּי־רונג האָט אַרויסגערעדט פון דער קעל פונעם דאָזיקן שליח־ציבור.

איך קאָן עדות זאָגן ווי שטאַרק פּינסקי האָט באַגערט, אַז זיינע ווערק זאָלן זיך אָנקליידן אין דער העברעאישער שפּראַך. איך האָב צוגעזען זיין גרויסע פרייד, ווען ס'איז דערשינען זיין בוך „משכבר הימים" אין דער אי־בערזעצונג פון אברהם קריב, נאָך איידער שמשון מעלצער האָט איבערגעזעצט זיינע בייע צוויי ביכער. אָט דיביידע — וועלכע וואוינען היינט אין חיפה — זענען געווען געטרייע אונטערפירערס צו ברענגען פּינסקיס שאַפונגען צום עולם העברעאישע לייענערס.

לאָמיר שטאָלצירן דערמיט, וואָס פּינסקי האָט געלעבט מיט אונדז, שטאָל־צירט דערמיט, וואָס ער האָט געלעבט אין אייער שטאָט. לאָמיר זאָרגן דער־פאַר, אַז זיינע ווערק זאָלן לעבן צווישן אונדזערע לייענערס, און זיין ליכט זאָל אונדז באַלייכטן.

פון עברית: ל. א.

(פון „די גאָלדענע קייט")

מאיר בראָון:

פינסקי דער חבר

דוד פינסקי, דער פאַרפאַסער פון „פאַמיליע צבי", „דער אוצר", „דער אייביקער ייד", „דער שטומער משיח", „גאַבּרי און די פרויען" און אַנדערע דראַמען, וועלכע האָבן אים באַרימט געמאַכט אין דער יידישער אַמעריקע, וואו ער איז אָנגעקומען אין 1899, האָט אין 1913 געמאַכט אַ שריט, וואָס איז געווען אַ ווענדפונקט אין זיין לעבן: ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון.

פאַר דער פּאַרטיי און פאַר דעם דאָן ערשט ניט לאַנג געשאַפענעם יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד איז פינסקיס אָנשלוס געווען אַ גרויסע גע־שעעניש, און ער איז מיט פרייד אויפגענומען געוואָרן אין אונדזערע רייען. מיר האָבן געהערט פון פינסקיס ליידנשאַפטלעכער געטריישאַפט צו די אַר־בעטער און צום סאָציאַליזם; מיר האָבן געוואוסט, אַז ער איז אַ צייט באַ־טראַכט געוואָרן אַלס בונדיסט: אים האָבן באַגייסטערט די רעוואָלוציאָנערע מעשים פון „יידישן אַרבעטער־בונד", און ער האָט היפּש מיטגעהאָלפן דורך זיינע שריפטן צו פאַרשפּרייטן אין רוסלאַנד רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע און דערציאונג.

אָבער פינסקי, דער יידישער־ און אַרבעטער־דיכטער, דער פאָלקס־קינסט־לער, האָט ניט געקאָנט פאַרבלייבן אַ גלייכגילטיקער צושויער פון יידישע פאָלקס־ליידן און פון קאַמף פאַר ארץ־ישראל. ער איז תמיד געווען טיף באַ־ווירקט פון דער יידישער געשיכטע, פון וועלכער ער איז געווען אַ גרויסער קענער, און ער איז אויך בלי־ספק שטאַרק באאיינפלוסט געוואָרן פון אַרבע־טער־ציוניזם, סיי אין ארץ־ישראל, סיי אין אַמעריקע. ער איז געוואָרן אַ חבר.

פיל יידישע שריפטשטעלערס אין אַמעריקע האָבן אין פאַרשיידענע צייטן זיך דערקלערט אין סימפּאַטיע צום אַרבעטער־ציוניזם, צו די פּועלי־ציון, אָבער כמעט קיין איינער פון זיי איז ניט געוואָרן אַן אמתער חבר, אַ חבר אין פולן זין פון וואָרט, ווי דוד פינסקי איז געוואָרן. מיר האָבן אים געזען אין אונדזערע רייען, ווירקנדיק מיט שריפט און מיט זיין וואָרט, און געדינט גע־טריי און אויפריכטיק, געבנדיק מערער מאָל אַ ביישפּיל צו אונדזערע חברים.

די חברים פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּועלי־ציון האָבן ניט פאַר־געסן די חברישע אויפנאַמע וואָס ער האָט געמאַכט פאַר זיי אין זיין הויז אין בעק סטריט, נ. י., אַ קורצע צייט נאָך זיין דערוויילונג צום ערשטן מאָל אַלס מיטגליד. ער, צוזאַמען מיט זיין ליבער און געטרייער פרוי און חברה אין לעבן, האָבן אַרויסגעוויזן די שענסטע מידה פון הכנסת־אורחים צו חברים ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. יעדער גאַסט פון אויסלאַנד, חברים פון ארץ־ישראל און אַנדערע לענדער, חברים פון אַמעריקע האָבן פאַרבראַכט אין חבר פינסקיס סביבה און היים שיינע שטונדן, וואָס זיי האָבן לאַנג־לאַנג געדענקט.

פינסקין דעם קינסטלער שאַצט מען אָפּ, ער האָט זיין ערן־פּלאַץ אין

דער יידישער ליטעראַטור אַלס דיכטער און שריפטשטעלער; ער האָט דעם יידישן טעאַטער באַרייכערט אַלס דראַמאַטורג, ער איז אויך באַקאַנט אויסער די גרענעצן פון יידישן לעבן — וועגן דעם שרייב איך ניט היינט. איך שרייב וועגן דוד פינסקין דעם חבר, וועלכן מען האָט ליב באַקומען פון די ערשטע טעג. פינסקי, דער פיינער קינסטלער און גייסטיקער אַריסטאָקראַט, איז געווען עכט דעמאָקראַטיש, פשוט אין זיינע באַציאונגען צו חברים. זיי האָבן עס דערפילט און זיי האָבן אים אַרומגערינגלט מיט גרויס צוטרוי און ליבע אַלס איינעם פון זייערע פירערס, אַלס אויפריכטיקן מענטשן, אַלס אמתן חבר.

אין יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד איז פינסקי אַריין פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און מיר האָבן אין אים געטראָפן אַ וואַרעמען חברישן מיטהעלפער. מיר פלעגט אויסקומען אָפט צו באַגעגענען זיך מיט אים אין דער פינסקי־מזל־דרוקעריי, וואו „די יידישע אַרבעטער־שטימע" פון פאַרבאַנד איז געדרוקט געוואָרן. האָט ער אויך אונדזער קליינעם באַשיידענעם אָרגאַן געדינט שריפטלעך מיט קורצע דערציילונגען און אַרטיקלען, און אַפילו איינגעשטימט צו ווערן דער הויפט פון אַ רעדאַקציע־קאָלעגיום.

מיר פלעגן אָפט פירן געשפּרעכן מיט פינסקין. איך פלעג אים אינפאָרמירן וועגן אַלע אַנטוויקלונגען און געשעענישן אין פאַרבאַנד־לעבן, און ער איז נענטער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט, אַזוי אַז ער האָט איינִיקע יאָר געדינט אַלס קאַסירער פון פאַרבאַנד (אים איז יעדע אַרבעט געווען ליב) און אויף דעם 6טן פאַרבאַנד־צוזאַמענפאָר אין שיקאַגאָ (סוף אויגוסט, 1919) איז ער דערוויילט געוואָרן אַלס פרעזידענט פון פאַרבאַנד.

ער איז געווען זייער אַקטיוו אין דער אַרבעט פאַרן אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, פאַרטרעטנדיק אָפט די פאַרטיי און דעם פאַרבאַנד. מיר האָבן געזען פינסקין אין אַ נײַ ליכט, ניט בלויז אַלס דיכטער, נאָר אַלס אָנפירנדיקער חבר, וואָס האָט שטענדיק באַטאָנט דאָס שענסטע און אידעאַליסטישע אין אונדזער באַוועגונג.

פינסקי האָט אָנגעהאַלטן דעם אַמט פון פרעזידענט ביז דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן אין יוני, 1922, ווען איך בין דערוויילט געוואָרן אויף זיין פּלאַץ. אין די איינִיקע יאָרן פון זיין פרעזידענט־אַמט, ווען איך בין געווען סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד, איז פינסקי געווען אַריינגעטאָן אין יעדער פאַרבאַנד־אַקטיוויטעט. איך געדענק די שליחות צום אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג אין 1921, ווען דער פאַרבאַנד איז לעגאַליזירט געוואָרן אין מאַסאַטשוסעטס, און האָט דערוויילט חבר פינסקי און מיך צו פאָרן צום צוזאַמענפאָר פון אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג און פאָרלייגן זיי אַ פאַראייניקונג מיטן פאַרבאַנד. די דעלעגאַטן פון אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג האָבן צוגעגעבן, אַז אַזעלכע שיינע מאָמענטן, וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט אין דער צייט ווען מיר האָבן אַדרעסירט יענעם צוזאַמענפאָר, האָבן זיי זעלטן געהאַט אויף זייערע צוזאַמענפאָרן.

ווען פינסקי איז געוואָרן אויס פרעזידענט, אין 1922, האָט עס ניט געהייסן אַ דערווייטערונג. ער איז געבליבן נאָענט צו דער לייטונג און צו די

אַקטיוויטעטן פון פאַרבאַנד. ס'איז דערפאַר געווען נאַטירלעך, אַז פינסקי זאָל צוריק פאַרנעמען זיין פּאָזיציע אַלס פרעזידענט פון פאַרבאַנד אין נאָוועמבער, 1933, ווען איך האָב רעזיגנירט און בין אַפּגעפאָרן אויף אַ לענגערער צייט קיין ארץ־ישראל.

זינט דאַן איז ער פאַרבליבן פרעזידענט ביז צו זיין עולה זיין קיין ישראל. זיין אינטערעס צום פאַרבאַנד איז געשטיגן. ער האָט געהאַט די פרייד צו זען דעם וואוקס פון פאַרבאַנד אין די לעצטע יאָרן, זיין שטייגנדיקן איינפלוס.

איך האָב פינסקין געזען אין ארץ־ישראל אין די טעג פון די אַראַבישע אומרוען. איך האָב געהאַט די פרייד אים אויפצונעמען ביי זיך אין דער היים אין ירושלים, וואו אַן אינטימער קרייז פון ירושלימער אינטעליגענץ האָט זיך פאַרזאַמלט און מיט אינטערעס געהערט זיין פאַרלייענען (ער איז גע־ווען אַ גלענצנדיקער פאַרלייענער פון זיינע דראַמען). פינסקי איז געקומען קיין ארץ־ישראל אין סכנותפולע טעג, אָבער ער האָט זיך ניט געשראָקן צו פאָרן און באַזוכן פונקטן.

פינסקי, דער קעמפער און חבר, איז געבליבן געטריי צו זיך אַליין, און ער האָט אויך געוואונען די ליבע פון די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער.

פון פינסקי 70סטער יובל נומער
„פאַרבאַנד שטימע“, נאָוועמבער 1942

ל. סיגאַל:

אונדזער פרעזידענט

איך וויל זיך אָפּשטעלן אויף איין פּאָזע פון דוד פינסקיס לעבן און טעטי־קייט — דאָס איז זיין ראָלע אַלס פרעזידענט פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

ווען מען טראַכט וועגן אַ פרעזידענט פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע ווי עס איז דער פאַרבאַנד, אַ יידישער אַרבעטער־ און פאָלקס־אָרדן, מיט פּראַקטישע אויפ־גאַבן, דאַרפנדיק באַזאָרגן זיינע מיטגלידער מיט גוטע בענעפיטן, מוזנדיק שטענדיק אין זינען האָבן זיין פינאַנציעלן געבוי, די זיכערקייט פון זיין פאַר־מעגן און פיל אַנדערע פּראַקטישע אויפגאַבן, איז זיך ניט לייכט פאָרצושטעלן, אַז אַ קינסטלער, אַ שריפטשטעלער זאָל קענען מיט פעאיקייטן און מיט אינ־טערעס פאַרנעמען דעם אַמט אין אַזאַ קערפּערשאַפט. די וואָס טראַכטן אַזוי, מאַכן אַ גרויסן טעות, ווען מען פאָלגט נאָך די טעטיקייטן פון דוד פינסקי אַלס פרעזידענט פון פאַרבאַנד.

שוין אַ לענגערע צייט אַז פינסקי, דער פרעזידענט, איז אומרואיק וועגן דעם פּראָבלעם ווי אַזוי צו אַקטיוויזירן אַ גרויסע צאָל מיטגלידער אין די צווייגן, אַרויסרופן ביי זיי דעם געהעריקן אינטערעס צו באַזוכן די פאַרזאַמ־לונגען און, דער עיקר, זיי מער צובינדן צום פאַרבאַנד, מיט דעם באַוואוסט־זיין, אַז עס איז זייער אָרגאַניזאַציע, פאַר וועלכער זיי דאַרפן זאָרגן, וועמעס טעטיקייטן זיי דאַרפן אָנפירן.

פיל מאָל איז דער פּראָבלעם פאַרהאַנדלט געוואָרן ביי זיצונגען פון דער גענעראַל־עקזעקוטיווע און ביי קאָנווענשאָנס און קאָנפערענצן. אַ טייל פון די אַקטיווע טוערס אין דער אָרגאַניזאַציע האָבן שוין לײדער מיט אַ שווערן געמיט רעזיגנירט צו דעם צושטאַנד פון ניט האָבן אַ גענוגנדיקע צאָל טוערס אין דער אָרגאַניזאַציע. חבר פינסקי אָבער, דער פּרעזידענט, נעמט קיינמאָל ניט אָן אַזאַ וועג, און ניט בלויז וועקט ער אַלעמען און דערמאָנט, ביי יעדער געלעגנהייט, וועגן דעם וויכטיקן ענין, נאָר ער באַשליסט צו קומען אין באַרירונג מיט די פאַרבאַנד־טוערס, ניט דורך אויפטרעטן ביי גרויסע פאַרזאַמלונגען, קריגן אַפּלאָדיסמענטן און אויפגענומען ווערן מיט אַ סך כבוד. נייך, דער דיכטער, דראַמאַטורג און שריפטשטעלער פאַרבייגט זיין כבוד. ער שטעלט אין פאָדערגרונט זיינע פליכטן אַלס פּרעזידענט און ער צווינגט אַרויף אויפן סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד, אַז מען זאָל פאַר אים איינאָרדענען זיצונגען פון די עקזעקוטיוועס פון די צווייגן, און ניט דווקא פון די גוט־פונקציאָנירנדיקע צווייגן, נאָר גראָד פון די פּאַסיווע. און ווען אַ סעקרעטאַר פון אַזאַ צווייג קריגט אַ בריוו פון הויפּט־אָפיס, אַז חבר פינסקי וועט קומען צו אַ צוזאַמענקונפט פון דער עקזעקוטיווע (אַזעלכע צוזאַמענקונפטן ווערן מערסטנס אָפּגעהאַלטן ביי אַ חבר אין הויז; צו אַזעלכע צוזאַמענקונפטן פון די עקזעקוטיוועס קומען צווישן 7 און 9 מיטגלידער), ענטפערט דער סעקרעטאַר פון אַזאַ צווייג: „ווי אַזוי קענט איר דערוואַרטן, אַז מיר זאָלן אונזער פּרעזידענט, דעם דיכטער, דעם דראַמאַטורג פאַרשעמען? מיר פילן זיך אומבאַקוועם אים צו האָבן ביי אַזאַ צוזאַמענקונפט. אפשר האָט איר געמאַכט אַ טעות? באַטראַכט נאָך אַמאָל דעם פאָרשלאָג, וואָס איר מאַכט". ווען אַזאַ בריוו ווערט איבערגעגעבן צו חבר פינסקי, ווערט ער שטאַרק ברוגז און פרעגט: „פאַרוואָס זאָלן חברים וועגן מיר אַזוי טראַכטן? איך באַטראַכט מיין אַמט פון פּרעזידענט זייער ערנסט און איך דאַרף דערפילן אַלע פליכטן, וואָס דער אַמט לייגט אויף מיר אַרויף". דערביי גיט ער צו: „צווינגט אַרויף אויף דעם צווייג אַז אַזאַ צוזאַמענקונפט פון דער עקזעקוטיווע מיט מיר זאָל איינגעאָרדנט ווערן".

און אַזעלכע צוזאַמענקונפטן זיינען טאַקע אָפּגעהאַלטן געוואָרן, און דוד פינסקי האָט געקנעלט מיט אַ גרופּע חברים וועגן זייערע פליכטן צום פאַרבאַנד. ער האָט זיי געשטראָפט פאַר פאַרנאַכלעסיקן דאָס, וואָס מען דאַרף באַטראַכטן פאַר דאָס עלעמענטאַרע אין אַן אָרגאַניזאַציע — דאָס באַזוכן אַ חבר אין אַ צייט פון נויט און קראַנקהייט, זיך דורכריידן מיט אַ חבר ווען ער פאַרפעלט צו באַזוכן עטלעכע פאַרזאַמלונגען, אים פרעגן די אורזאַכן פון דעם; דאָס זאָרגן פאַר דעם, אַז די פאַרזאַמלונגען זאָלן זיך עפענען און שליסן אין צייט, באַשיינען דעם ברענטש מיט אַקטיוויטעטן דורך דערגרייכן דאָס מאַקסימאַלסטע און נאָך פיל ענלעכע פּראַזאַאישע טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען האָט דוד פינסקי מיט די קליינע עקזעקוטיוועס פאַרהאַנדלט. ער האָט זיי געוועקט און געוואָרעמט פאַר גרעסערע אַקטיוויטעטן און פאַר מער געטריישאַפט צום פאַרבאַנד.

...

אָט איז אַקטועל נאָך אַ פּראָבלעם אין דער אָרגאַניזאַציע: אַז די נאַציאָנאַל פאַנד־פּושקע זאָל באַשיינען יעדן חברס הויז. ניט בלויז האַנדלט זיך עס

וויפל געלט עס קען אַריינקומען פאַרן יידישן נאַציאָנאַל פאָנד דורך די פאַר־באַנד־מיטגלידער, נאָר עס האַנדלט זיך וועגן דערציען דעם חבר, אַז דער נאַציאָנאַל פאָנד איז דער פונדאַמענט פאַר דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל, און אַז די פושקע וואָס דאַרף אָנגעפילט ווערן מיט קלענערע סומען, זאָל זיין אַ סימבאָל פון דער צוגעבונדנקייט פון פאַרבאַנד צו דער טאָג־טעגלעכער בוי־אַרבעט וואָס ווערט דורכגעפירט אין ארץ־ישראל.

געדענקען מיר כמעט ניט קיין איין קאָנפערענץ, וואו טוערס פון פאַרבאַנד קומען זיך צוזאַמען, אַז פינסקי זאָל ניט דערמאָנען וועגן דעם חוב וואָס יעדער חבר פון פאַרבאַנד האָט צו האָבן אַ נאַציאָנאַל פאָנד־פושקע ביי זיך אין הויז. ער פאַרלאַנגט אָפט, אַז עס זאָל אָפּגענומען ווערן אַ רעכנשאַפט, מען זאָל מאַכן אַ „ראָל־קאָל", כדי ער זאָל זיך איבערצייגן אויף ווי ווייט דער באַשלוס ווערט דורכגעפירט.

דער פאַרבאַנד האָט אַ פאָנד צו העלפן חברים אין נויט, און ווענדונגען פאַר שטיצע פון דעם פאָנד ווערן באַטראַכט ביי יעדער זיצונג פון אָפיס־קאָמיטעט, וואָס ווערט אָפּגעהאַלטן פינקטלעך איין מאָל אין צוויי וואָכן. ווען אַ ווענדונג ווערט באַטראַכט פאַר הילף פאַר אַ חבר, הערט מען גאַנץ אָפט חבר פינסקין פרעגן: וואָס האָט דער ברענטש פאַר דעם חבר געטאָן? וואָס איז דעם חברס לאַגע? אויף וויפל וועט אים העלפן די סומע, וואָס מיר וועלן אים געבן? ער פילט שטענדיק אַ דערלייכטערונג, ווען ער זעט, אַז דורך די קאַנאַלן פון פאַרבאַנד העלפט מען חברים אין נויט, און אָפטמאָל זיי צוריקשטעלן אויף די פיס אין עקאָנאָמישן זין. דאָ דערפילט ווידער חבר פינסקי אויפן העכסטן אופן זיינע פליכטן אַלס פרעזידענט, וויסנדיק די אחריות וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן פון דער פאַרבאַנד־מיטגלידערשאַפט, איבערגעבנדיק אים דעם העכסטן אַמט פון דער אָרגאַניזאַציע צו פאַרוואַלטן מיט ענינים וואָס רירן אָן די אינטערעסן פון יעדן מיטגליד.

ווען דער הויפט־אָפיס פון פאַרבאַנד אָרדנט איין אַ טור מיטן פרעזידענט, ווילט זיך אָפטמאָל אויסלאָזן די קלענערע פונקטן. עס איז דאָ די מורא פאַר אַ קליינעם באַזוך, וואָס וועט דעם הויפט־באַאַמטן פון פאַרבאַנד פאַרשאַפן עגמת־נפש. און ווען מען דערלאַנגט חבר פינסקין דעם אָנגעצייכנטן מאַרשרוט און ער זעט, אַז עס פעלן די קליינע שטעטלעך, פרעגט ער: וואָס איז מיט דער שטאָט, מיט יענער שטאָט? און ווען אים געלינגט אַרויסצוציען דעם אמת פאַרוואָס מען האָט די שטעט אויסגעלאָזן, קומט שטענדיק זיין ענטפער: ניין! דאָס וועט ניט גיין. אויך דאָרט זיינען דאָ חברים; ניט וויכטיק זייער צאָל, ניט וויכטיק ווי גרויס עס וועט זיין דער באַזוך. עס איז זייער וויכטיק אין אַזעלכע קליינע פונקטן צו דערמוטיקן די טוערס, זיי דערוואַרעמען און באַגייסטערן פאַר אונדזערע אַרבעטן, ווייל זיי, אין די קלענערע פונקטן, זיינען מער עלנט ווי די וואָס געפינען זיך אין גרעסערע שטעט.

.·.

פינקטלעכקייט שפילט אַ גרויסע ראָלע אין יעדער אונטערנעמונג וואָס דאַרף האָבן דערפאָלג. ליידער פאַרלירן פיל אָרגאַניזאַציעס אַ סך צייט אין דער ניט־פינקטלעכקייט פון זייערע פאַרזאַמלונגען. ווילן מיר מיט שטאָלץ

אונטערשטרייכן, אַז דער חשובער יובילאַר האָט אַ גרויסן פאַרדינסט אין דעם וואָס אין זיין עקזעקוטיווע, וואו ער איז פּרעזידענט, האָט מען שוין לאַנג אָפּגעשאַפט די אַבנאָרמאַליטעט פון פאַרשפּעטיקן זיך. ער אַליין, דער פּרעזידענט, איז פּינקטלעך צו דער מינוט צו קומען צו דער זיצונג, ניט געקוקט אויף דעם וועטער, אָדער אויף אַנדערע שטערונגען. ער איז שטענדיק אין צייט איבערצונעמען זיינע פליכטן. זעענדיק זיינע האַנדלונגען, האָבן זיך אויך די אַנדערע מיטגלידער אויסגעלערנט צו זיין פּינקטלעך.

דער פּרעזידענט פון פאַרבאַנד שטאָלצירט מיט דער איינפירונג און ער דערמאָנט עס ביי אַלע געלעגנהייטן און דערציילט עס די חברים און חברות אויף די ערטער, ווען ער באַריכטעט צו זיי וועגן די גוטע מעשים פון זיין עקזעקוטיווע, און בעט זיי נאָכצופאָלגן דעם ביישפּיל פון פּינקטלעכקייט.

די וויכטיקייט פון אַ גרויסן אָרגאַניזאַטאָרישן וואוקס פון פאַרבאַנד ווערט ליידער פון פיל ניט ריכטיק פאַרשטאַנען. גראָד דער דיכטער, דער שריפטשטעלער און דראַמאַטורג, גראָד ער לעבט שטענדיק איבער אַ טיפע זאָרג, ווען די אָרגאַניזאַציע־רעזולטאַטן זיינען ניט אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט, און זיין פּנים שיינט אויף פון פרייד, ווען ער הערט אַ באַריכט, אַז די אָדער יענע שטאָט האָט דערגרייכט באַדייטנדיקע רעזולטאַטן אויפן אָרגאַניזאַטאָרישן געביט. ער זעט אין די נייע מענטשן, וואָס קומען אַריין אין פאַרבאַנד, אַ נייעם רעזערוואואַר פון פאָלקס־כוחות, וואָס וועלן העלפן דעם פאַרבאַנד דורכפירן וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אַקטיוויטעטן, און ער פרייט זיך, וואָס ער וועט האָבן אַ גרעסערע מחנה אין דער אָרגאַניזאַציע מיט וועמען צו אַרבעטן, אַ מחנה צו פירן אויף די וועגן פון יידישער גאַנצקייט, פון אַרבעטער־געטריישאַפט און פון נאַציאָנאַלער לאָיאַליטעט.

דער יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד איז שטאָלץ וואָס ער האָט אַזאַ ליבן חבר ווי דוד פּינסקי פאַר פּרעזידענט. מיר ווייסן, אַז חבר פּינסקי טראָגט מיט שטאָלץ דעם אַמט און דינט אים געטריי און איבערגעגעבן. חבר פּינסקי זעט אין פאַרבאַנד דעם אויסדרוק פון דער אידישער פאָלקס־נשמה, וואָס איז אים אַזוי ליב און טייער. ער זעט אין דער אָרגאַניזאַציע אַ וויכטיקן אינסטרומענט, דורך וועלכן מען קען דורכפירן טעטיקייטן פאַר אַרבעטער־און פאָלקס־אינטערעסן, וועלכע דער יובילאַר האָט געטריי געדינט אין אַלע צייטן פון זיין פּרוכטבאַר לעבן. די גרויסע מיטגלידערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע איז דורכגעדרונגען מיט דער טיפסטער ליבע צו איר הויפּט־באַאַמטן, צו איר פירער און וועג־ווייזער. אַ גרויסע ליבע ווייזט אויך חבר פּינסקי שטענדיק אַרויס צו אַלץ וואָס דער פאַרבאַנד שטעלט מיט זיך פאָר: דאָס פּראַקטישע, דאָס אידייאישע און דאָס געזעלשאַפטלעכע.

פון פּינסקי 70סטער יובל נומער
„פאַרבאַנד שטימע״, נאָוועמבער 1942

מענדל זינגער :

צען יאָר

צען יאָר זיינען פאַרביי, זייט עס איז נפטר געוואָרן אין זיין היים אויפן כרמל דער גרויסער שרייבער און טייערער מענטש דוד פּינסקי. און כאָטש ער האָט דערלעבט אַ שיינעם עלטער — 86 יאָר, איז נאָך נישט פאַרלאָשן דער האַרץ־ווייטיק, וואָס ער איז מער נישטאָ. פּינסקי פלעגט זאָגן, אַז זיין לעבן האָט זיך אויפסניי אָנגעהויבן מיט זיין קומען אין לאַנד אין יאָר תש״ט (1949), און אין דער אמתן, אַז מיר פלעגן זיין מיט אים, האָבן מיר אָנגעהויבן גלויבן אין דעם. „אַלע מיינע יאָרן האָב איך געלעבט אַן ארץ־ישראלדיקן לעבן; איך האָב זיך אין אַמעריקע באַטראַכט ווי אַ שליח פון ארץ־ישראל און איצטער האָב איך זיך אומגעקערט אַהיים״ — האָט פּינסקי געזאָגט פשוט און אויפריכטיק, ווען ער איז געקומען צו אונדז. ער איז אין לאַנד געקומען אַ 76־יאָריקער און מעכטיק איז אין אים געווען דער ווילן צו לעבן, צו שאַפן און טעטיק צו זיין.

ער האָט נישט געהאַלטן פון זיצן אין שטוב: שטענדיק איז ער געווען אונטערוועגנס — אין קעשענע דער „כרטיס־כבוד״ פון „אגד״ (חברים פון „אגד״ אין חיפה האָבן געהאַט אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט דעם גרויסן שרייבער), און פּינסקי האָט אים פיין אויסגענוצט. געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, און בעיקר אין די אַרבעטער־ישובים; זיך באַגעגנט מיט שרייבערס פון עברית און פון יידיש; אַ באַזונדערע הנאה האָט ער געהאַט פון די יונגע צווישן זיי, וואָס זענען געווען נייע עולים. פּינסקיס שטוב אויפן כרמל איז געווען אָפן פאַר אַלע, און אַ סך פון זיי זענען צו אים געקומען — שרייבערס פון לאַנד און פון חוץ־לארץ. מיט פיל פון זיי האָט ער זיך פריינטשאַפטלעך פאַרבונדן.

טיף איז געווען פּינסקיס ליבע צום לאַנד און צו אַלץ וואָס ווערט געטאָן און געשאַפן אין דער יונגער מדינה. ער האָט הויך אָפּגעשאַצט און פאַרערט אַלע, וואָס זענען געשטאַנען אין איר אויבנאָן, לרוב אַלטע חברים זיינע און פריינט: יצחק בן־צבי, יוסף שפּרינצאַק, דוד רמז, זכרונם לברכה, און זיי צו לענגערע יאָרן: זלמן שזר און דוד בן־גוריון. יעדע באַגעגעניש מיט זיי אין זיין היים, אָדער אין אַנדערע ערטער, איז פאַר אים געווען אַ קוואַל פון אויפמונטערונג און נשמה־פרייד.

פּינסקי האָט זיך באַהעפט צו דער וואונדערלעכער פּאַנאָראַמע פונעם כרמל און מיט שטאָלץ פלעגט ער פירן געסט פון זיין הויז צו האָבן הנאה פון דעם פּרעכטיקן בליק אויף אונדזער כרמל.

אייגנטלעך האָט פּינסקי נישט געהאַט קיין שוועריקייטן זיך איינצולעבן אין לאַנד. אַ פופציק יאָר האָט ער געלעבט אין אַמעריקע, אָבער באַלד, ווי ער איז נאָר אַריינגעגאַנגען אין זיין דירה אין גאַס מוריה, האָט ער, ווי ער פלעגט זאָגן, באַלד געפילט, אַז דאָ איז זיין היים.

זיין טייערע און געטרייע האָדל, וואָס האָט באַגלייט פּינסקין אין זיין שאַפן אַלע יאָרן, וואָס זיי האָבן צוזאַמען געלעבט (פאַר האָדלען פלעגט פּינסקי לייענען צוערשט אַלץ וואָס ער האָט געשריבן), האָט גוט פאַרשטאַנען, אַפילו

זייענדיק שוין פּאַראַליזירט, אַריינצוברענגען אין הויז, וואָס איר געליבטער מאַן האָט ליב געהאַט. זי האָט געשעפּט נחת פון אַלץ, וואָס זי האָט געזען און געהערט אין הויז, וואָס איז תּמיד געווען פול מיט פריינט.

אויך מיט זיין ליטעראַרישן שאַפן האָט זיך פּינסקי איינגעלעבט אין לאַנד. זיינע טעמעס זענען געוואָרן ארץ־ישׂראלדיקע (שופטים ושוטרים תתן לך„ נישט ווי אַלע פעלקער, זי האָט אַ דירה) און תּנ״כדיקע: משה און די כּושית, שאול, שמשון. ער האָט אַפילו געפּראָוווט איבערצוזעצן פון היינריך היינעס לידער אויף עברית, און דערביי איז נישט אַזוי וויכטיק דער אויפטו, נאָר מער דער ווילן, די בענקעניש צו עברית. פּינסקי איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקן געפיל, אַז לעבנדיק אין לאַנד שאַפט ער אין גייסט פון דעם אַלט־נייעם היימלאַנד. פּינסקין האָט זייער ווי געטאָן, וואָס דער טעאַטער אין ישׂראל, אויך אין דער שטאָט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, אינטערעסירט זיך נישט מער מיט זיין שאַפן און פילט נישט דעם ישׂראל־גייסט אין די פּיעסן, וואָס ער שאַפט, זיצנדיק אויפן כּרמל. ער האָט עס נישט געזען ביי זיין לעבן און מיר זעען דאָס אויך נישט היינט. מיט גרויס אינטערעס און מיט טיפער ליבע האָט פּינסקי באַגלייט די אַנטוויקלונג פון דער עברית־ליטעראַטור, האָט זיך געפרייט מיט אירע אויפטוען און האָט קריטיקירט דערשיינונגען, וואָס ער האָט אין זיי געזען אַן אַראָפּגיין פונעם וועג און אַ נאָכמאַכן די פרעמדע. ער האָט זיך פּערזענלעך פאַרבונדן, און ווי ער איז געוואוינט געווען — אויף אַ האַרציקן אופן, מיט די בעסטע שאַפערס אין חיפה און אין לאַנד.

מיטן טויט פון דוד פּינסקי האָבן חיפה און די מדינה פאַרלוירן אַ גרויסן שרייבער און איינעם פון די טייערסטע זין פון אונדזער פאָלק. עס זיינען פאַרשלאָסן געוואָרן די טירן פון אַ הויז אויפן כּרמל, פון וועלכן ס׳האָט אַרויסגעשטראַלט גייסט פון קינסטלערישן שאַפן, ליבע צום היימלאַנד און צום פאָלק, ברידערלעכקייט און פריינטשאַפט צו אַלץ וואָס איז גוט און שיין, וואָס ווערט געבוירן אין אונדזער יונגער מדינה.

ערשט נישט לאַנג, נאָענט צו פּינסקיס צענטן יאָרצייט, איז געפונען געוואָרן אַ פאַרענטפערונג צום פּראָבלעם פון פּינסקיס דירה אויפן כּרמל און ס׳איז פאַרזיכערט געוואָרן, אַז עס וועט אויך דאָרט זיין פּלאַץ צו וועבן ווייטער די פעדים, וואָס ער האָט געוועבט אַלע יאָרן פון זיין לעבן אויפן כּרמל.

וואָס פּינסקי האָט געשאַפן אין ישׂראל איז נאָך נישט איבערגעזעצט געוואָרן אין עברית, ווי פּינסקי האָט עס געוואָלט, און ווי עס באַדאַרף צו זיין.

דוד פּינסקי האָט געגלויבט באמונה שלמה אין אויפלעבן פון אונדזער פאָלק אין זיין לאַנד. מיט דער פולער וואַרעמקייט פון זיין האַרץ האָט ער זיך פאַרבונדן מיט אונדזער חיפה, ווי ער איז נאָר געקומען אין לאַנד אַריין. אונדזער לאַנד, און חיפה בראש, זענען מחויב צו טאָן דאָס פאַר דעם גרויסן שרייבער און טייערן מענטש, דעם ערן־בירגער פון דער שטאָט חיפה, ווי ער פאַרדינט עס. מיר האָפן, אַז חברים און פריינט אין גרויסער צאָל פון חוץ־לארץ וועלן אויך צולייגן אַן אַקסל.

פון דער בראָשור „צום צענטן יאָרצייט
פון דוד פּינסקי“, חיפה, תשכ״ט

פון דוד פינסקי'ס שאפן

דער שרייבער זיגט

דעם 8טן יוני פון היינטיקן יאָר, 1947, בין איך באַערט געוואָרן פון דעם „יידישן אינסטיטוט פון רעליגיע", פון וועלכן אונדזער פאָלקס־טריבון ד"ר סטיפן ס. וויז איז פרעזידענט, מיט דעם דאָקטאָר־טיטל, דאָקטאָר פון ליטעראַטור. דאָס איז געווען אַ באַערונג פאַר מיינע 55 יאָר ליטעראַרישע אַרבעט, און איך האָב זי מיט דאַנק אָנגענומען. אָבער איך בין אין מיין לעבן דריי מאָל געווען אויפן וועג צום דאָקטאָר־טיטל, און אַלע דריי מאָל ניט דערגאַנגען, ווייל איך האָב געוואָלט בלייבן בלויז שריפטשטעלער. דאָס וויל איך דאָ דערציילן.

1.

דאָס איז געווען אין יאָר 1892, אין מיין 21סטן יאָר — אין דער הויפּטשטאָט ווין. איך בין געקומען אַהין צו שטודירן מעדיצין, די עלטערן האָבן מיר געזאָלט שיקן אויף הוצאות. אָבער דאָס יאָר 1892 איז אויך געווען דאָס יאָר פון גירוש־מאָסקווע. מיין פאָטער, וועלכער האָט געוואוינט אין מאָסקווע זינט 1873, האָט געוואָלט אָפּראַטעווען זיך פון דער גירוש־גזירה דערמיט, וואָס ער האָט געטריי באַצאָלט אַלע חובות, וואָס ער איז שולדיק געווען די מאָסקווער קופּצעס, מיט וועלכע ער האָט געהאַנדלט. ער האָט געהאָפּט, אַז זיי וועלן זיין זיינע גוטע בעטערס און אָפּוועגדן פון אים דעם רוע הגזירה. אָבער זיי האָבן אים פון דער גזירה נישט אָפּגעראַטעוועט, און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט באַצאָלט זיינע חובות, אָבער די, וואָס זענען אים שולדיק געווען, האָבן זיך באַנוצט מיט דער גזירה און אים אָנגעזעצט. רו־אינירטע האָבן מיינע עלטערן געמוזט פאַרלאָזן מאָסקווע, און איך אין ווין האָב געדאַרפט דערהאַלטן מיין נשמה מיט די זעקס גולדן אַ חודש, וואָס איך האָב געקראָגן פון דער אלמנה פון פּרץ סמאָלענסקין אַלס העברעאישער לערער פון אירע זין. אין יענעם זומער האָב איך זיך געשפּייזט מיט ווינער בולקעלעך און קליינע פלוימען (טשוועטשגן, אויף ווינער לשון). דאָס האָט מיך סוף זומער אַריינגעלייגט אין דעם ראָטשילד־שפּיטאָל מיט אַ קראַנקן מאָגן.

אַ פעליעטאָן אין אַ ווינער צייטונג, וואָס איך האָב איבערגעלייענט אויף מיין קראַנקן־בעט, האָט מיך געבראַכט אויף דעם געדאַנק פון אַ יידישן „גרויסן מענטשנפריינט". דער שרייבער האָט זיך אַ ריר געטאָן אין מיר. איך האָב זיך באַלד אויסגעשריבן פון שפּיטאָל און אַוועק צוריק צו זיך אין צימער

אין דער אַוסטראַסע, אין וועלכן איך האָב געוואוינט צוזאַמען מיט אַ יונגן מוזיקער, דעם שפּעטער באַרימט־געוואָרענעם כאָר־דיריגענט און דערציער פון יידישע כאָר־דירעגענטן דזימיטראָווסקי. אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך די אוניווערסיטעט מיט מיין מעדיצין פאַרגעסן, איך האָב אויפגעשריבן דאָס ווערקל, וועלכן עס איז באַשערט צו שטיין אַלס ערשטס אין דעם לאַנגן צעטל פון מיינע שאַפונגען.

ביז ווין בין איך געווען אַ חובב־ציון, אַ פּאַלעסטינעץ. אין ווין בין איך נאָענט באַקאַנט געוואָרן מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג, אָנגעהויבן צו שטודירן דעם סאָציאַליזם און באַקערט זיך צו אים. מיט מיין מעדיצין און מיט מיין פען וועל איך דינען דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. מיט מיין „דער גרויסער מענטשנפריינט" האָב איך באַצוועקט אויפצודעקן דעם אמתן פּרצוף פון דעם יידישן בורזשואַ. אַ באַמבע אין פיינטלעכן לאַגער.

אויפגעשריבן, איבערגעשריבן און נאָך אַמאָל איבערגעשריבן (אַזוי בין איך זיך נוהג עד־היום מיט אַלע מיינע שריפטן — איך שרייב זיי דריי מאָל) און איצט אַוועקגעשיקט האַפנונגספול צו יצחק לייבוש פּרץ, וועלכער האָט געקליבן מאַטעריאַל פאַר דעם דריטן באַנד „יידישע ביבליאָטעק". פּרץ האָט מיר גלייך געענטפערט מיט אַ וואַרעמען בריוו. איך האָב אָנגעשריבן אַ גוטע זאַך און ער נעמט זי אָן, נאָר איך האָב דעם סוף פאַרקירצט, און עס וואָלט געווען גוט, ווען איך פאַרלענגער אים — ער האָט אָנגעדייט, ווי איך זאָל אים פאַרלענגערן. איך האָב איינגעזען, אַז פּרץ איז גערעכט מיט זיין באַ־מערקונג וועגן דעם סוף, אָבער זיין אָנדייט ווי אַזוי צו ענדערן האָב איך נישט אָנגענומען. איך מוז זיך אַליין דערטראַכטן צו אַ נייעם סוף. פון זיך אַליין אַרויסשעפּן אים. איך האָב זיך דערטראַכט און אויפגעשריבן, און פּרץ האָט פון מיר אָנגעקוואָלן. ווי גליקלעך איך בין געווען!

ראובן ברייניז, מיט וועמען איך בין געווען באַפריינט אין מאָסקווע און אין וויטעבסק און ביי וועמען איך האָב געוואוינט מיינע ערשטע פינף חדשים אין ווין, איז געווען אַ שטאַרקער גלויבער אין מיר. ביי אים אין דער דירה האָב איך געאַרבעט אין רוסיש אויף אַ ראָמאַן, וועלכן איך האָב אָנגעהויבן נאָך אין מאָסקווע, און אויף אַ טראַגעדיע „משה", און אין יידישע פערזן אויף אַ טעמע, וואָס איז מיט צוויי יאָר שפּעטער געוואָרן מיין דערציילונג „דאָך אַמאָל געווינט", און אויף נאָך אַ טעמע, וואָס איז מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער געוואָרן מיין דערציילונג „יוחנן כהן גדול". און ברייניז פלעגט מיך פאָרשטעלן פאַר אַלע זיינע באַקאַנטע אַלס אַ „יונגער פּיל־פאַרשפּרעכנ־דיקער שריפטשטעלער". דאָס האָט מיר געגעבן גלויבן אין זיך, און אַט האָט פּרץ, צו וועמען איך האָב אַזוי באַגייסטערט אַרויפגעקוקט, געגעבן מיר זיין הסכמה. איז צו וואָס דאַרף איך שטודירן מעדיצין? איך האָב אַ פּראָפעסיע, מיט וועלכער איך בין געבוירן געוואָרן, און מיין פּראָפעסיע האָט אַ גרויסע מיסיע. איז צוריק צו די יידן אין רוסלאַנד! מיין פּלאַץ איז וואַרשע, וואו עס וואוינט י. ל. פּרץ, וואָס קלייבט זיך אַרויסצוגעבן דעם דריטן באַנד „יידי־שע ביבליאָטעק", און וואו עס האָבן זיך באַזעצט מיינע עלטערן.

דער דריטער באַנד „יידישע ביבליאָטעק" האָט פאַרשפּעטיקט — ער איז ערשט אַרויסגעקומען אין 1895, און „דער גרויסער מענטשנפריינט" איז

דערשינען אין ספעקטאַרס דריטן באַנד „דער הויזפריינט" סוף 1893. ער איז באַלד אַרויסגעגעבן געוואָרן אַלס ביכל אין י. גוידאָס אויסגאַבן „קליינע דערציילונגען" און איז געוואָרן אַ שטיקל סענסאַציע: די חובבי־ציון אין ביאַליסטאָק האָבן אים אַריינגעלייגט אין חרם, ווייל זיי האָבן באַשלאָסן, אַז מיט דעם גרויסן מענטשנפריינט האָב איך געמיינט דעם באַרימטן חובב־ציון קלונימוס וויסאָצקי. דאָס איז געווען אַ טעות. איך האָב וויסאָצקין נישט געקענט און פון אים נישט געטראַכט, ווען איך האָב געצייכנט דעם פּאָרטרעט פון דעם מענטשנפריינט. אָבער מיין דערפאָלג איז אָנגעשטיגן, ווען פון עטלעכע שטעט איז אָנגעפרעגט געוואָרן, צי קום איך נישט פון זיי און צי האָב איך אין זיי נישט געוואוינט, ווייל דער פּאָרטרעט פון דעם „מענטשנפריינט" איז ווי אָפּגעשריבן פון זייער „גביר אין שטעטל".

אַ שרייבער הייבט אָן צו ציילן די יאָרן פון זיין שאַפן מיט דעם טאָג, ווען ער איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין דרוק. איך צייל מיינע שאַפונגס־יאָרן פון דעם חודש אָקטאָבער — דעם טאָג געדענק איך נישט מער, אַ טאָג אין אָנהייב פון דעם חודש — אין וועלכן איך האָב אויפגעשריבן „דער גרויסער מענטשנפריינט" — דאָס ווערקל, וואָס האָט באַפעסטיקט אין מיר דאָס באַוואוסטזיין, אַז איך בין אַ שרייבער, און האָט מיך אַוועקגענומען פון דער אוניווערסיטעט און דער מעדיצין.

.2

דער דערפאָלג פון מיין ערשטן אויפטריט אַלס שרייבער איז געוואַקסן מיט יעדער נייער זאַך, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין די יאָרן 1893—1895, די ערשטע צוויי יאָר פון מיין שאַפן. „אין משוגעים־הויז", „אַראָפּ דער יאָך", „רב שלמה", „חיים משרת", „געשלאָגן דעם טאַטן", „גוט־יום־טוב ביטן", „באַשע־לאה", „דאָך אַמאָל געוויינט", „אויסגעפּירט" א. אַ. האָבן מיך שנעל געמאַכט פּאַר אַ באַרימטקייט. אָבער איך האָב אויך אויסגעפונען, אַז די יידישע ליטעראַטור וועט מיך נישט קאָנען שפּייזן, און ווייל איך חתונה האָבן מיט דער מיידל, וואָס איך ליב, מיט מיין האָדלען, מוז איך טראַכטן וועגן אַן אַנדער תכלית. אין מערץ, 1896, בין איך אַוועקגעפאָרן אין בערלין צו שטודירן. אָבער נישט מעדיצין — צו איר האָב איך די מיטלען נישט געהאַט. איך האָב אויפגענומען פילאָסאָפיע און געשיכטע מיט דער איבערצייגונג, אַז אין דעם דאָקטאָר־טיטל ליגט געזיכערטע פּרנסה.

איך האָב געשטודירט און געשריבן דערציילונגען, אָבער מיט דעם יאָר 1899 קומט אַן איבערקערעניש אין מיין אַרבעט — איך הייב אָן שאַפן דראַמעס.

מיין ערשטער פּרואוו אין דראַמאַטישער פאָרעם — די טראַגעדיע „משה" — איז געבליבן ליגן אומבאַהאָלפן אין זיין רעכטן אָנהייב. אַ צווייטער פּרואוו אָנצושרייבן אַן איינאַקטער האָט זיך אויך נישט איינגעגעבן, און פון דעם איינאַקטער איז אַרויסגעקומען מיין דערציילונג „צוויי וועלטן". די דראַמאַטישע פאָרעם איז מיר געווען פרעמד. אין מיין עסיי „דאָס יידישע דראַמאַ" צייג איך אָן, פאַרוואָס די יידישע שרייבערס, וואָס זענען געשטאַנען ביים אָנהייב פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, זענען געווען דערציילערס,

נישט קיין דראַמאַטיקערס, זיי זענען אַלע געווען אונטער דעם איינפלוס פון דער רוסישער ליטעראַטור, וועלכע איז געווען דער עיקר אַן עפּישע, אַ דער־ציילערישע. אַלע אירע גרויסע פּאַרטרעטערס און שאַפערס זענען געווען דערציילערס און ראָמאַניסטן, וועלכע האָבן צופעליק געשריבן אויך דראַמען: טאָלסטאָי, טורגעניעוו, גאָגאָל. זי האָט געהאַט נאָר איין־איינציקן ריינעם דראַמאַטורג: אָסטראָווסקי. ערשט ווען דער דערציילער טשעכאָוו האָט גע־זיגט מיט זיינע דראַמען, האָבן זיך אַלע רוסישע שרייבערס אַרויפגעוואָרפן אויף דראַמענשרייבן, און דער כאַראַקטער פון דער רוסישער ליטעראַטור האָט זיך כמעט געביטן.

להיפּוך איז די דייטשע ליטעראַטור קודם־כל אַ דראַמאַטישע. אַלע אירע גרויסע שרייבערס זענען געווען דראַמענדיכטערס, וועלכע האָבן צו־פעליק געשריבן אויך דערציילונגען און ראָמאַנען: לעסינג, געטע, שילער, גראַבע, קלייסט, העבעל, גרילפּאַרצער א. אַ. אַ דייטשער דיכטער מעג אָנהייבן מיט לידער אָדער דערציילונגען אָבער פריער אָדער שפּעטער וועט ער אַרי־בער צו דראַמע.

אין בערלין בין איך דורך מיכה יוסף בערדיטשעווסקין באַקאַנט גע־וואָרן און באַלד אויך שטאַרק באַפריינדעט געוואָרן מיט דעם שריפטשטעלער מאָריץ היימאַן. ער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין דעם פאַרלאַג ס. פישער, פון באַרוף קריטיקער און שפּעטער אויך דראַמענדיכטער. ער האָט געשטאַמט פון אַן אָסט־פּרייסישער יידישער פאַמיליע, וועלכע האָט נאָך גערעדט יידיש, און ער האָט גוט פאַרשטאַנען יידיש, אַזוי אַז איך האָב געקאָנט פאַרלייענען פאַר אים מיינע זאַכן. איז נאָך יעדער זאַך פלעגט ער מיר פאַרוואָרפן, פאַר־וואָס איך שרייב נישט קיין דראַמע. ער זעט אין מיר דעם געבאָרענעם דראַ־מאַטיקער און עס איז אַ זינד אַזוי צו פאַרנאַכלעסיקן דעם דראַמאַטיקער אין מיר. איך האָב געהערט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס. וואָס זאָל איך זאָגן, אַז אַ דראַמע שרייבט זיך פאָרט נישט?

מאַכט זיך אַזאַ זאַך:

דער יידישער סטודענטן־פאַראיין אין בערלין האָט געפּלאַנעוועט אַ לי־טעראַרישן אָוונט, און אין דער פּראָגראַם האָט געדאַרפט זיין אַ יידישער איינאַקטער. עמיצער האָט אָנגערופן שלום־עליכמס „דער גט", וואָס איז דערשינען אין ספּעקטאַרס „הויזפריינט". דעם 3טן יאַנואַר, 1899, אין אָוונט, זענען זיך צונויפגעקומען די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע, פאַרגעלייענט די פּיעסע און — פאַרשעמט זיך פאַר דער גאָרנישטדיקייט און אומבאַהאָל־פנקייט פון דער זאַך. וואָס טוט מען? מיר ווילן דאָך פאָרט אַ יידישן איינ־אַקטער! האָט מען זיך גענומען צו מיר: איך מוז אויפשרייבן אַן איינאַקטער. נאָך אַלע מיינע אָפּווענדונגען און פאַרזיכערונגען, אַז דאָס איז אוממעגלעך, האָט אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע, דר. ריינוס, אַ קוזינע פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, קאַטעגאָריש דערקלערט: „איר וועט אָנשרייבן! מיר זענען אויף אייך גוזר!" מיט דעם איז מען זיך צעגאַנגען איינס אַזייגער פאַרטאָג.

די גזירה איז געלעגן שווער אויף מיר, און איך האָב נישט געקאָנט איינשלאָפן. דריי אַזייגער פאַרטאָג האָב איך אויפגעוועקט מיין פרוי: „האָדלקע, איך האָב!... איך האָב אַן איינאַקטער!" די האַנדלונג, די כאַראַקטערן, די

סצענעס — אַלץ איז געבאָרן געוואָרן ביי מיר אין דער שלאָפלאָזער שעה.

אויף מאָרגן בייטאָג האָב איך זיך אַוועקגעזעצט ביי מיין שרייבטיש און אין פיר שעה אויפגעשריבן דעם איינאַקטער „יסורים", אויפגעשריבן — און דערפילט אין זיך דעם דראַמאַטיקער. איך האָב באַזיגט אין זיך די מורא פאַר דער שווערער פאָרעם, געפילט זיך, ווי איך וואָלט מוטיק דערגרייכט דעם שפּיץ פון אַ באַרג. מיין ערשטע לעזערין, מיין האָדל, איז געווען גליקלעך.

די באַאַרבעטונג פון דעם איינאַקטער, דאָס איבערשרייבן איין מאָל און צוויי מאָל, האָט ביי מיר גענומען עטלעכע טעג. ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן, בין איך אַוועק מיט דעם איינאַקטער צו מאָריץ היימאַן, וועלכער האָט געוואוינט אין האַלענזעע ביי בערלין. ער מוז דער ערשטער באַקאַנט ווערן מיט מיין ערשטן דראַמאַטישן פּרואוו.

איך האָב געלייענט פאַר אים דעם איינאַקטער מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און יעדעס מאָל, ווען איך האָב אויפגעהויבן אויף אים מיינע אויגן, האָב איך געזוכט אין זיינע אויגן דעם איינדרוק און דעם אורטייל. און אָפּטמאָל האָב איך אין זיך געטראַכט, אַז איך האָב זיך נישט געדאַרפט נאַריש מאַכן, נישט געדאַרפט שרייבן קיין איינאַקטער און נישט געדאַרפט נודיען מיט אים היימאַנען. אָבער היימאַנס אויגן האָבן אויפגעלויכטן, ווען איך האָב געענדיקט לייענען, און ער האָט וואַרעם אַרויסגערעדט:

„איך בין נישט איבערראַשט..."

ער האָט נישט פאַרענדיקט, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, ווען אין צימער איז אַריינגעקומען האַופּטמאַן מיט זיין צווייטער פרוי גרעטע מאַרשאַלק. האַופּטמאַן און היימאַן זענען געווען נאָענטע פריינט, דוצברידער, שפּעטער זענען זיי אויך פאַרשוועגערט געוואָרן: מאָריס היימאַן האָט חתונה געהאַט מיט גרעטעס שוועסטער. האַופּטמאַן איז דעמאָלט געווען אין זיין אויפשטייג, דער אָפּגאָט פון יונגן דייטשלאַנד. ווען היימאַן האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר אים, האָט עס אויפגעזונגען אין מיר. און ווי האָט עס זיך אין מיר צעזונגען, ווען איך האָב אויסגעפונען, אַז דער גרויסער גרעהאַרט האַופּטמאַן קען מיינע זאַכן. היימאַן האָט אים דערציילט דעם אינהאַלט פון מיין „דראַבקין", „ערב יום-כיפור" און נאָך אַנדערע דערציילונגען, און האַופּטמאַן האָט זיי געדענקט און געקאָנט זיי מיר איבערדערציילן.

איך בין אַוועק פון היימאַנען אַ העכסט-גליקלעכער. אין דרויסן איז געווען אַ שטאַרקער פראָסט, אָבער איך האָב אים נישט געפילט. איך בין געפאָרן אַהיים מיט יובל אין זיך, געאיילט צו מיין האָדלען מיט דער דאָפּל-טער גרויסער בשורה: מיין איינאַקטער האָט אויסגענומען און איך בין באַ-קאַנט געוואָרן מיט האַופּטמאַנען! איך האָב געטראָגן אין זיך אַ שלאָגנדיקן קוואַל פון באַגייסטערונג, וועלכער האָט אויפגעבורעט אין מיר די שאַפונג-כוחות.

דער וועג פון טירגאַרטן-באַנהויף צו מיר אַהיים איז געווען זייער גלי-טשיק. איך בין געגאַנגען און געהאַלטן זיך אָן וועגט פון הייזער און „געַ-אַרבעט". שוין נישט ווייט פון מיין היים האָב איך „דערזען" אַ דראַמע, די טעמע איז אין מיר געבאָרן געוואָרן נאָך אין וואַרשע: אַ מעשה מיט אַן אַרבעטער אַ דערפינדער, וואָס ליבט זיינע דערפינדונגען און פאַרקויפט זיי

בלויז זיין באַלעבאָס, כאָטש פאַר זייער ביליק, אַבי זיי זאָלן זיין לעבן אים. איך פלעג זיך אָפט אומקערן צו איר אין גערדאַנקען, אָבער נישט געאײַלט זיך צו מאַכן פון איר אַ דערציילונג. זי איז נאָך נישט געווען צייטיק אין מיר. און אָט האָב איך זי „דערזען" אין דראַמאַטישער פאָרעם! עס האָט אויפגעשריען אין מיר פאַר התפעלות. איך בין שוין אַריינגעקומען אַהיים צו מיין האַדלען מיט אַ דרייפאַכער בשורה.

איך האָב אָבער נישט געאײַלט אַוועקזעצן זיך שרייבן. ערשט דעם 24סטן מערץ הייב איך אָן צו שרייבן די דראַמע „אייזיק שעפטל". דעם 7טן אַפּריל בין איך פאַרטיק געוואָרן — דעם לעצטן אַקט האָב איך אויפגעשריבן אין איין זיצונג אין משך פון זיבן שעה.

ווען איך האָב זי באַאַרבעט און איבערגעשריבן, האָב איך זי פאָרגעלייענט פאַר מיינע פריינט היימאַן, בערדיטשעווסקי און אפרים פריש. דער לעצטער איז געווען מיכה יוסף בערדיטשעווסקיס אינטימסטער פריינט. אַ גאַליציאַנער משכיל, וועלכער האָט געשריבן אַ פּראַכטפולן דייטש, געגאָלטן אַלס גרויסער ליטעראַטור־קענער און מדריך געווען בערדיטשעווסקין אין די הערלעכקייטן פון דער דייטשער ליטעראַטור — בערדיטשעווסקי האָט זיך אָפט באַצויגן צו אים ווי אַ תלמיד צו זיין רבין.

ווי גליקלעך האָב איך זיך געפילט, ווען די דאָזיקע דריי האָבן זיך צעגאָסן אין לויבגעזאַנג איבער מיין „אייזיק שעפטל"! זיי האָבן עס אַוועקגעשטעלט אַלס אַ צווייט ווערק נאָך האַופּטמאַנס „די וועבער". דער גרעסטער קאָמפּלימענט! און עס מוז גלייך איבערגעזעצט ווערן אויף דייטש און אָנגעבאָטן ווערן דעם „דייטשן טעאַטער".

אין יולי איז די איבערזעצונג געווען פאַרטיק צום אָנבאָט. אָטאָ בראַהם, דער דירעקטאָר פון „דייטשן טעאַטער", איז דעמאָלט געווען אין ווין, וואו עס האָט זיך אויך געפונען מיין פריינט, דער יונגער, אין יענער צייט זייער באַרימטער, דראַמאַנדיכטער געאָרג הירשפעלד. צו אים האָבן מיר אַוועקגעשיקט דעם מאַנוסקריפּט פון דער איבערזעצונג, און ער האָט אים איבערגעגעבן צו אָטאָ בראַהם. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָב איך געקראָגן אַ קאַרטל פון הירשפעלדן, אַז סוף אויגוסט וועט בראַהם זיין צוריק אין בערלין און וויל מיך זען. דאָס איז פון אַלעמען פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז „אייזיק שעפטל" וועט אָנגענומען ווערן. אַזוי האָבן אויך פאַרשטאַנען היימאַן, בערדיטשעווסקי און פריש, וועלכע האָבן מיר אָפּגעגעבן מזל־טוב. די בשורה איז שנעל פאַרשפרייט געוואָרן אין דער רוסישער קאָלאָניע. דער פאָרטרעטער פון דעם „בונד" אין בערלין האָט מיט מיר אָפּגעמאַכט, אַז צען פּראָצענט פון מיינע פאַרדינסטן פון „אייזיק שעפטל" אויף דער דייטשער בינע זאָל איך געבן דעם „בונד"...

ענדלעך האָב איך געקראָגן אַ קאַרטל פון אָטאָ בראַהם, אַז ער איז אין בערלין און וויל מיך זען ביי זיך אין דער היים. וואָס פאַר אַן אויפרעגונג אין מיר און מיין גאַנצן אַרום! איך בין געגאַנגען צו אים באַגלייט פון מיין האַדלען און יוסף מעלניק — אַ ביאַליסטאָקער בחור, וואָס איז געוואָרן אַ זשורנאַליסט אין רוסיש און דייטש, אַן ארויסגעבער פון זשורנאַלן און אַ קאָרעספּאָנדענט פון גרויסע צייטונגען. האַדל און מעלניק זענען געבליבן

וואַרטן אין דעם קליינעם פּאַרק פאַר דעם הויז, און איך בין אַרויפגעגאַנגען מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ צו אָטטאָ בראַהם, צום באַרימטן דירעקטאָר פון דעם גרעסטן און וויכטיקסטן טעאַטער אין דייטשלאַנד, דעם אַנטדעקער פון איבסן און האַופּטמאַן, דעם אויסלייגער פון נייע וועגן אויף דער בינע...

ער האָט מיך אויפגענומען זייער פריינטלעך, אַוועקגעזעצט מיך קעגן זיך ביי זיין שרייבטיש — פאַר אים איז געלעגן דער מאַנוסקריפּט פון „אייזיק שעפטל", און מיט אַ וואונק צום מאַנוסקריפּט האָט ער אָנגעהויבן אויסלייגן די מעלות פון מיין דראַמע און ווי שטאַרק זי געפעלט אים (מיין האַרץ האָט געטיאַקקעט און מיין בלוטדרוק איז געשטיגן) — אַ לאַנגע לעקציע, צו באַווייזן מיר, וואָס פאַר אַ גוטע דראַמע איך האָב אָנגעשריבן, אויב איך ווייס עס נאָך נישט. ענדלעך האָט ער אַ זאָג געטאָן: „אָבער..." און אין האַרץ האָט מיר אַ ריס געטאָן. „אָבער די דראַמע שפּילט אין אַ יידישן מיליע, און אַ יידישע פּיעסע קאָן נישט גיין אויף דער דייטשער בינע"...

וואָס קאָן מען זאָגן קעגן אַזאַ פאַראורטיילונג? איך האָב זיך געפונען צו פרעגן:

„איר האָט דאָך אויפגעפירט געאָרג הירשפעלדס „די מיטער" און „אַגנעס יאָרדאַן" — ביידע פּיעסן פון יידישן לעבן?"

„און מער נישט", האָט ער געענטפערט. „הירשפעלד קאָן נישט קומען מער מיט פּיעסן פון יידישן לעבן. ער וועט מוזן שרייבן עפּעס אַנדערש, אויב ער וויל אויפגעפירט ווערן".

אָטטאָ בראַהם איז געווען אַן אונגאַרישער ייד און האָט זיך געמוזט פילן אומאָנגענעם פון אַזאַ דערקלערונג. ער האָט געפונען פאַר נייטיק צו אַנטשולדיקן זיך: דאָס איז נישט זיין גזירה. די יידישע אַקציאָנערן פון דעם „דייטשן טעאַטער", די יידישע געהיימראַטן, זיי ווילן עס נישט. זיי פּראָטעסטירן קעגן יידישע פּיעסן, און ער מוז זיי פאָלגן, צי ער וויל אָדער נישט. עס טוט אים זייער ווי פאַר הירשפעלדן און עס טוט אים זייער לייד פאַר מיר. ער שעצט דעם „אייזיק שעפטל" זייער הויך, וואָלט מיט פאַרגעניגן עס אויפגעפירט, אָבער ער טאָר נישט. ווען איך וועל אויפשרייבן אַן אַנדער פּיעסע, אַ נישט־יידישע, אַזוי קונסטפול ווי „אייזיק שעפטל", וועט ער זי אויפפירן מיט פרייד...

און ווידער האָט ער זיך צערעדט וועגן דער געלונגנקייט און קינסטלערישקייט פון „אייזיק שעפטל". אַ שאָד נישט צו קאָנען אַזאַ פּיעסע אויפפירן. און פּלוצלונג האָט עפּעס אויפגעלויכטן אין אים.

„ווייסט איר", האָט ער געזאָגט אַן אויפגעשטראַלטער, „באַט אַן „אייזיק שעפטל" דער „פרייער בינע־געזעלשאַפט".

די „פרייע בינע" איז געווען די פאַרלויפערין פון בראַהמס „דייטשעס טעאַטער". זי האָט די ערשטע אויפגעפירט האַופּטמאַנען.

די „פרייע בינע", האָט ער צוגעגעבן, „וועט זיין שטאָלץ אַרויסצוברענגען אַ נייעם טאַלאַנט. און ווייסט איר, איך אַליין וועל איר איבערגעבן אייער דראַמע..."

ער האָט מיך אָפּגעהאַלטן אַ שעה און מער, און אונטן אין פּאַרקל האָבן מיין האָדל און יוסף מעלניק אויפגעבויט שוין גאַנצע שלעסער. איך האָב

זיי געבראַכט שווערע אַנטוישונג אין זען „אייזיק שעפטל" אויפגעפירט אויף דער בינע פון דעם „דייטשן טעאַטער" און גוטע האָפענונגען אויף דער „פרייער בינע".

די „פרייע בינע"־געזעלשאַפט איז באַשטאַנען פון אַ צען־צוועלף מיט־גלידער, וועלכע זענען זיך מער קיינמאָל נישט צוזאַמענגעקומען, ווייל די מיסיע פון דער „פרייער בינע" איז שוין געווען אַן אויסגעפירטע. בראַהמס „דייטשעס טעאַטער" וואָס איז פון איר אַרויסגעוואַקסן, איז געווען די העכסטע דערגרייכונג. זי האָט שוין לאַנג גאַרנישט אויפגעפירט און עס איז נישט געווען קיין נויטווענדיקייט אין צוזאַמענקומען זיך. איז איר צוגעשטעלט געוואָרן אַ מאַנוסקריפּט, האָבן זיך די מיטגלידער פאַרלאָזט אויף דעם פּרע־זידענט, וועלכער פלעגט יעדעס יאָר געוויילט ווערן, ווען די מיטגלידער פלעגן זיך צונויפקומען נישט אויף צו פאַרהאַנדלען געשעפטן, נאָר אויף צו האָבן אַ גוט שטיקל צייט.

אין זומער 1899 איז לודוויג פולדאַ געווען דער פּרעזידענט, און אין אָקטאָבער אָדער נאָוועמבער האָבן געדאַרפט פאַרקומען נייע וואַלן.

„בעט גאָט", האָט מיר געאָרג הירשפעלד געזאָגט, „אַז הערמאַן זודער־מאַן זאָל אויסגעוויילט ווערן. ער, דער קריסט, וועט געוויס אויפפירן די יידי־שע פּיעסע „אייזיק שעפטל". אָבער אויב דער ייד לודוויג פולדאַ וועט ווייטער בלייבן פּרעזידענט, וועט אייער יידישע פּיעסע געוויס נישט אויפגעפירט ווערן".

איך האָב מסתמא שלעכט תפילה געטאָן — דער ייד לודוויג פולדאַ איז געבליבן פּרעזידענט. אינגיכן האָב איך געקראָגן פון אים אַ בריוו פול מיט קאָמפּלימענטן. אָבער ער קאָן מיין פּיעסע נישט רעקאָמענדירן צו אויפפירונג, ווייל עס איז אַן עפּיגאָנען־ווערק. דאָך זעט ער אין מיר קרעפטן, וואָס וועלן אַריבערשטייגן און באַזיגן דאָס עפּיגאָנענטום...

אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָרט עפּיגאָנענטום איז געווען אַ מאַסקע פאַר יידנטום...

זאָל איך זיך אָנוועקזעצן שרייבן אַ נישט־יידישע פּיעסע? געאָרג הירש־פעלד האָט עס געפּרוווט און איז דורכגעפאַלן. ער האָט מיט זיינע ביידע יידישע פּיעסן „די מיטער" און „אַגנעס יאָרדאַן" דערוואָרבן זיך אַ גרויסן נאָמען. מען האָט אַרויפגעקוקט צו אים ווי צו אַ צווייטן נאָך געאָרג האַופּט־מאַן. אָבער ער האָט מער נישט געטאָרט שרייבן פון יידישן לעבן, פון דעם לעבן פון זיינע עלטערן, פון זיינע קרובים, פון דעם מיליע, אין וועלכן ער איז אויפגעוואַקסן. האָט ער זיך געכאַפּט, אַז די דינסטמיידלעך ביי אים אין דער היים זענען קריסטינס, און ער קען זיי, דאַכט זיך, גוט. האָט ער אָנגע־שריבן „פּאַולינע", די קאָמעדיע פון אַ דינסטמיידל, און איז דורכגעפאַלן. האָט ער דערנאָך דראַמאַטיזירט אַ מעשהלע און איז ווידער דורכגעפאַלן, ער האָט פאַרלאָרן דעם באָדן פון אונטער זיינע פיס. איך וועל עס אַפילו נישט פּרובירן.

אין יענע חדשים איז אין דער סאָשעליסט לייבאָר־פּאַרטי (עם על פּי) אין אַמעריקע פאָרגעקומען אַ נייע שפּאַלטונג און די גאַנצע רעדאַקציע פון דער פּאַרטייס צייטונגען „אַבענד בלאַט" און „אַרבעטער צייטונג" איז אַוועק מיט

די אָפּגעשפּאָלטענע. די נייע רעדאַקציע האָט געזוכט נייע מיטאַרבעטער, און איך, אַ לאַנגיאָריקער מיטאַרבעטער פון דיביידע צייטונגען, האָב געקראָגן אַן אָנבאָט צו קומען קיין אַמעריקע און אַריינטרעטן אין דער רעדאַקציע. איך האָב אָנגענומען די איינלאַדונג.

צו וואָס נאָך דער דאָקטאָר־טיטל מיט די מעגלעכע גליקן, וואָס ליגן אין אים, ווען איך בין אַ דראַמאַטיקער, און אין ניו־יאָרק איז פאַראַן יידיש טעאַטער, פאַר וועמען אַ יידישע טעמע איז קיין חסרון ניט? מיין האָדל האָט געהאַט אין בערלין אַ זייער רייכע פּראַקטיק אַלס בעסט־באַצאָלטע מאַסאַזשיסטין, דערוואָרבן זיך אַ זייער גוטן נאָמען, אַריינגעדרונגען אין די העכסטע און רייכסטע יידישע און אויך ניט־יידישע קרייזן. אָבער איך האָב אָנגענומען די שטעלע פון 18 דאָלאַר אַ וואָך אין דער זיכערקייט, אַז דאָס יידישע טעאַטער וועט ווערן פאַר מיר אַ קוואַל פון פּרנסה און מיין האָדל וועט נישט דאַרפן מער אַרבעטן...

קריסטמעס 1899 בין איך אָנגעקומען אין ניו־יאָרק, וואו איך בין געווען פּאָפּולער אונטער מיין פּסעוודאָנים ד. פּולס. ווען די טעאַטער־לייט האָבן דערהערט, אַז איך האָב אַ פּיעסע, האָבן זיי זיך פאַראינטערעסירט. אָבער אַז יעקב אַדלער האָט זיך דערוואוסט, אַז „אייזיק שעפּטל" איז אַ דריי־אַקטיקע פּיעסע, האָט ער אַפילו נישט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף איר. נאָר מייקל מינץ, דער מאַן און מענעדזשער פון קעניג ליפּצין, האָט זי איבערגעלייענט און איז באַגייסטערט געוואָרן. „הלוואי וואָלט אייזיק שעפּטל געווען אַ פּרוי, און איך וואָלט די דראַמע גלייך אויפגעפירט!" האָט ער געזאָגט. ביז צום סוף פון זיין געוואָלטזאַמען טויט איז ער געבליבן מיין אַנהענגער.

וואָס פאַר אַן אַנטוישונג! אָבער איך בין פון אַמעריקע נישט אַוועקגעפאָרן; קיין בערלין און דער אוניווערסיטעט זיך נישט אומגעקערט.

3.

ווי אויף צו־להכעיס זיך אַליין, האָב איך אין 1901 אויפגעשריבן מיין דראַמע „די מוטער" — ווידער אַ פּיעסע אין דריי אַקטן. מייקל מינץ האָט זי אַפילו געקויפט פאַר זיין קעניג ליפּצין, איינגעצאָלט אַביסל האַנטגעלט, אָבער נישט געאיילט זיך מיט דער אויפפירונג (ער האָט זי אויפגעפירט אין ווינטער 1904). אויס מורא צו באַוויזן זיך מיט אַ דראַמע אין דריי אַקטן, האָט ער איינגעלאַדן אַ פּאָר זינגערס אויסצופילן צייט פאַר דעם פאָרהאַנג־אויפגאַנג, און די אויפפירונג איז אַנאָנסירט געוואָרן אַלס אַ גאַלאַ־קאָנצערט. דאָס האָט נישט פאַרשפּראָכן דער פּיעסע לאַנגלעביקייט און מיר אַ סך נחת און פּרנסה...

דערווייל איז אויך דאָס „אָבענד בלאַט" אונטערגעגאַנגען, און איך האָב זיך געמוזט פאַרטראַכטן וועגן פּרנסה, דערטראַכט זיך, אַז איך דאַרף אַריין אין אַן אוניווערסיטעט און אַרויס פון דאָרטן אַלס לערער פון דער דייטשער ליטעראַטור. אין 1903 טרעט איך אַריין אין קאָלאָמביאַ־אוניווערסיטעט — צום דריטן מאָל אויפן וועג צום דאָקטאָר־טיטל.

אָבער אין זומער 1903 האָב איך אויפגעשריבן די ערשטע צוויי אַקטן פון דער „פאַמיליע צבי". אַ נייַ בלאַט אין מיין שאַפן. אַ נייַ בלאַט אין דער

יידישער דראַמאַטורגיע, אַ נאָך נישט־געוועזענע ענערגיע פון יידישן וואָרט, און אַ וואָרט, וואָס מוז געזאָגט ווערן. דאָך די לעקציעס האָבן געמוזט באַ־זוכט ווערן, לערביכער האָבן געמוזט שטודירט ווערן, לאַנגע שעהן האָבן געמוזט פאַרבראַכט ווערן אין דער ביבליאָטעק פון דער אוניווערסיטעט, און איך האָב נישט געקאָנט קומען צום שרייבן.

און מיין ווערק האָט געפאָדערט. ווי וועל איך עס ווייטער אַנטוויקלען? וואו און וואָס וועט ווייטער געשען? ווי וועל איך עס ענדיקן? אָפט בין איך געזעסן פאַר אַ פראָפעסאָר און געכאַפּט זיך — אַז איך הער אים נישט, ווייל איך בין גאָר אין דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון דער טראַגעדיע.

אין אַ טאָג, אָנהייב אַפּריל 1904, האָב איך דורכגעלעבט מיין ווערק אין פולן, אַנטוויקלונג און סוף. דאָס זענען געווען טעג פון די עקזאַמענס אין דער אוניווערסיטעט. ווען איך וועל זיי דורכגיין, וועט נאָר נאָך איין יאָר שטיין צווישן מיר און דעם דאָקטאָר־טיטל און מיין לערער־קאַריערע.

איך האָב זיך אָוועקגעזעצט און פאַרענדיקט די „פאַמיליע צבי".

פון „די צוקונפט", נ. י. דעצ. 1947

אונדזער צווייספּראַכיקייט

1.

שוין טויזנטער יאָרן, אַז מיר האָבן צוויי שפּראַכן. די אָבות־שפּראַך, וואָס באַגלייט דאָס יידישע פאָלק דורך זיין גאַנצער געשיכטע, און אַ צווייטע שפּראַך, וואָס מיר נעמען אויף אין די לענדער, וואוהין מיר האָבן אַנגעשלאָגן אין אונדזער צעשפּרייטקייט. וויפל לענדער, אַזוי פיל שפּראַכן. יעדער יידישער ישוב האָט געהאַט צוויי שפּראַכן: די אָבות־שפּראַך און די שפּראַך פון דעם אַרום, אין וועלכן ער האָט זיך איינגעבירגערט. כאָטש אָפט האָט די נייע אָנגענומענע שפּראַך איינגאַנצן פאַרדרענגט און פאַרשטופּט די אָבות־שפּראַך, איז זי, די ערשטע, שטענדיק געווען אין דעם באַוואוסטזיין פון פאָלק, פאַרבונדן מיט זיין פאַרגאַנגענהייט, און איז אָנגעהאַלטן געוואָרן אין די תפילות, אין די סדרות, אין דער רעליגיע און איר׳ע עבודות.

אָבער דאָס איז ניט אונדזער צווייספּראַכיקייט, וואָס איך מיין. די צווייטע, די אָנגענומענע שפּראַך, איז שטענדיק געווען עפּעס פרעמדס, אָנגענומענס. זי האָט ניט געטראָגן קיין יידישן נאָמען. דאָס פאָלק האָט געוואוסט, אַז די שפּראַך איז ניט זיין אייגנס. זי איז ניט געווען דער אויסדרוק־מיטל פאַר דער יידישער פאָלקס־נשמה. יידן האָבן גערעדט אויף איר, אָבער ניט געשאַפן אין איר פאַר זיך אַליין, פאַר יידן, צוליב יידן.

יידן האָבן גערעדט אין אַלטערטום גריכיש אין אַלעקסאַנדריע און רוימיש אין רוים, אָבער האָבן גאָר ניט אָדער ווינציק געשאַפן אין דיביידע שפּראַכן, און וואָס זיי האָבן געשאַפן, האָבן זיי ניט אויפבאַוואָרט. די שפּראַך

האָט ניט געהערט צו זיי; וואָס זיי האָבן געשאַפן אין די דאָזיקע שפּראַכן האָט ניט געהערט צו זיי אַליין. דאָס זענען ניט געווען קיין ווערק, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן פון יידן פאַר יידן. די טראַגעדיעס פון אַן עקזעקעליאָס, געשריבן אין גריכיש, זענען געווען גריכישע טראַגעדיעס, געשריבן פאַר אַלע וואָס קאָנען לייענען גריכיש. די סעפּטואַגינטאַ, די איבערזעצונג פון תנ״ך אויף גריכיש, איז אַ גריכיש ווערק און האָט געדינט די יידן, ווי זי האָט געדינט די קריסטן.

אויב אין אַראַביש זענען געשאַפן געוואָרן וויסנשאַפט־ווערק, זענען דאָס געווען ווערק פון געלערנטע פאַר געלערנטע און אפשר אויך פאַר ניט־יידן. שלמה בן גבירולס פילאָסאָפישע ווערק זענען אַפילו אַ לאַנגע צייט געהאַלטן געוואָרן פאַר די ווערק פון אַן אַראַבער; זיי האָבן געמוזט איבערגעזעצט ווערן אויף העברעאיש, כדי זיי זאָלן ווערן יידישע ווערק. רבינו בחיי, דער מחבר פון חובת הלבבות, איז געוואָרן דער באַהאַרצטער יידישער מאָראַליסט דורך דעם יידישן טייטש־חומש.

אונדזער צווייִשפּראַכיקייט באַשטייט פון שפּראַכן, וואָס זענען אונדזערע אַליין, אין וועלכע מיר טיילן זיך מיט קיינעם ניט, האָבן צו זיי קיין שותּפים ניט. אַלץ, וואָס ווערט אין זיי געשאַפן, געהערט נאָר אונדז אַליין, איז געשאַפן פון אונדז, פאַר אונדז, צוליב אונדז, ווייל זיי אַליין זענען דער אינסטרומענט, מיט וועלכן די יידישע פאָלקס־נשמה דריקט זיך אויס צום בעסטן.

איבער פיר טויזנט יאָר ציילט אָן אונדזער פאָלק פון זיין ערשטן שטאַם־פאָטער, פון אברהם אָבינו. די ערשטע העלפט פון די איבער פיר טויזנט יאָר איז אונדזער פאָלק, לויט טראַדיציע, געווען איינשפּראַכיק. אין דער צווייטער העלפט איז עס געוואָרן צווייִשפּראַכיק, אַ באַזיצער פון צוויי שפּראַכן, אין וועלכע זיין נשמה געפינט איר שטאַרקסטן אויסדרוק.

.2

ווען אַראַמיש, די שפּראַך פון אַ קליינעם, אומבאַדייטנדיקן, באַזיגטן און פאַרשווינדנדיקן פאָלק, ווערט אויף אַן אומבאַגרייפלעכן אופן די פאַרבינדונג־שפּראַך פון דער אַשורישער אימפּעריע, קענען זי אין לאַנד יהודה נאָר די געבילדעטע און די רעגירונג־מענטשן. ווען דער שליח פון סנחריב, דער מלך פון אשור, רעדט צו די מיניסטאָרן פון חזקיהו דעם מלך פון יהודה אויף „יהודית“, בעטן זיי אים, ער זאָל צו זיי ריידן אַראַמיש, ווייל זיי ווילן ניט, אַז דאָס פאָלק זאָל הערן און פאַרשטיין, וואָס ער זאָגט זיי. אָבער שפּעטער מיט עטלעכע הונדערט יאָר, ווען אַראַמיש ווערט די אומגאַנג־שפּראַך פון אַלע פעלקער אין קליינאַזיע ביז מצרים און ווערט די אָפיציעלע שפּראַך פון דער פערסישער אימפּעריע, שטופּט זי אַרויס „יהודית“ (העברעאיש) פון יידישן מויל און דרינגט אַפילו אַריין אין דער ליטעראַטור פון פאָלק, ווערט אַריינגענומען אין תנ״ך. צוערשט אַ צופעליקער פסוק פון ירמיהו, דערנאָך אָבער גאַנצע קאַפּיטלען ביי עזרא און נחמיה און נאָך מער אין דניאל. נחמיה און דער מחבר פון בוך דניאל ריידן און שרייבן העברעאיש, אָבער זיי פילן זיך שטאַרקער און היימישער אין אַראַמיש.

און אַזוי איז אַראַמיש געוואָרן די שפּראַך פון יידישן שאַפן. דאָס יידי־

שע פאָלק איז געוואָרן צווייִשפּראַכיק. העברעאיש איז געווען און געבליבן די שפּראַך פון פאָלקס האַרץ און נשמה, איז אַפילו געוואָרן לשון קודש. נאָר ס'האָט דאָס פאָלק אַריינגענומען אַ צווייטע שפּראַך, די נייע שפּראַך פון זיין אַלטעגלעכקייט, און אָנגעהויבן צו דערהייבן זי צו זיין גייסטיקייט.

די אָנהענגערס פון העברעאיש האָבן עס ניט געוואָלט ליידן. רבי האָט געזאָגט: „צו וואָס אין ארץ־ישראל די סורסי[1])־שפּראַך? אין ארץ־ישראל דאַרף מען ריידן אָדער העברעאיש אָדער גריכיש, ווייל גריכיש איז די שפּראַך פון געלערנטע". און רבי יוסי האָט געזאָגט: „צו וואָס אין בבל אַראַמיש? אין בבל דאַרף מען ריידן אָדער לשון־קודש אָדער פּערסיש, וואָס איז אויך די שפּראַך פון דער רעגירונג". אָבער זיי האָבן ביידע גאָר ניט אויסגעפירט. רבי מאיר האָט פאַרשפּראָכן עולם־הבא דעם וואָס וועט ריידן לשון קודש, און רבי יוסי, דער זון פון רבי עקיבא, האָט דערקלערט, אַז דער וואָס רעדט ניט מיט זיין קינד לשון קודש איז גלייך ווי ער באַגראָבט אים. אָבער אויך זיי האָבן גאָר ניט אויסגעפירט. ווי עס האָבן גאָר ניט אויסגעפירט ר' יהודה און ר' יוחנן, וואָס האָבן געוואָלט אָנשרעקן דעם עולם און אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל בעסער ניט מתפלל זיין אויף אַראַמיש, ווייל די מלאכים, וואָס נעמען איבער די תפילות און דאַרפן זיי צושטעלן צו גאָט, פאַרשטייען ניט קיין אַראַמיש. און ווי עס האָט ניט אויסגעפירט ר' יוחנן פון בית־גוברין, וואָס האָט דערקלערט, אַז אַ ייד דאַרף קענען פיר שפּראַכן: גריכיש צו געזאַנג, רוימיש צו מלחמה, פּערסיש צו באַוויינען, העברעאיש צו ריידן. דער אמורא שמואל בר נחמן, וואָס האָט געלעבט שפּעטער פון זיי אַלעמען, האָט בעסער פאַר־שטאַנען דאָס פאָלק. ער אַליין איז געווען אַ גוטער העברעאישער סטיליסט און האָט דערקלערט, אַז די סורסי־שפּראַך טאָר ניט באַהאַנדלט ווערן אַזוי לייכט, ווייל זי איז אַריין אין תורה, נביאים און כתובים.

דאָס פאָלק האָט שוין וואָס געשאַפן אין דער שפּראַך, צוגעטיילט איר פון זיין גייסט און דער עיקר פון זיין האַרץ, און זי איז געוואָרן זיינס, זיין אייגנס. דאָס אַראַמישע פאָלק, דאָס פאָלק וואָס האָט געבוירן די שפּראַך אָדער וואָס האָט געגעבן דער שפּראַך איר נאָמען, איז שוין געווען טויט און פאַרגעסן, האָט אויך אין זיין שפּראַך נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין דענק־מאָל. האָט דאָס יידישע פאָלק אָנגענומען זיך פאַר דער אַראַמישער שפּראַך, ווי פאַר אַן עלנטער יתומה, און אויסגעהאָדעוועט זי, און גרויס געמאַכט מיט דער גאַנצער ליבשאַפט, וואָס מען ווייזט אַרויס צו אַן אַדאָפּטירטן קינד וואָס ווערט אַן אייגנס. ער האָט זיך מער ניט געקאָנט מיט איר צעשיידן. זי איז געוואָרן אַ טייל פון אים. אַלע טענות פון די קעגנערס האָבן ניט געהאָלפן. נאָך לאַנג נאָך רבין און רבי יוסין און ר' יהודהן און ר' יוחנן פון בית־גוברין האָט דאָס יידישע פאָלק זיך געהאַלטן ביי אַראַמיש. עס האָט באַלד פאַרגעסן, אַז דאָס איז אַראַמיש. עס האָט איר אַ נאָמען געגעבן זיין אייגענעם נאָמען: תרגום־לשון. עס האָט זי דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה, פאַר־בונדן זי מיט זיין הייליקסטן. אַראַמיש איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן פון מויל,

---

[1]) אַראַמיש. — לשון סורסי איז געווען די אַראַמישע שפּראַך, וועלכע איז גערעדט געוואָרן דורך די ארץ־ישראלדיקע איינוואוינערס אין דער תקופה פון די תנאים (סוטה, מ"ט).

דאָס פאָלק האָט אויפגעהערט צו ריידן אויף איר, אָבער זי איז געבליבן, צו־גלייך מיט לשון־קודש, דער לשון פון דער נשמה, פון יידישן שאַפן, אַפילו פון יידישע תפילות, און איינע פון זיינע הייליקסטע תפילות, דער קדיש, איז אין אַראַמיש.

דער קדיש. די תפילה פאַר די נשמות פון די טויטע. ווי ליב און האַרץ־נאָענט האָט געמוזט זיין דער תרגום־לשון דעם יידישן פאָלק, אַז אין אים האָט עס אויסגעגאָסן זיין האַרץ אין טרויער נאָך זיינע טויטע. אָבער קדיש איז אַ סך מער ווי טויטן־געבעט. ער האָט דאָך ניט אין זיך קיין איין וואָרט וועגן טויט און עס ווערט אין אים ניט געבעטן פאַר דער נשמה פון אַ מת. אומגעקערט, ער איז די פאַרהערלעכונג פון לעבן. ער בעט אויף לעבן און בעט אויף שלום, אויף אויסלייזונג און אויף משיחן. ער איז גאָר די פאַרהער־לעכונג־תפילה פון דער אייביקייט און גרויסקייט פון גאָט און זיין פאָלק. און שטאַרבט אַ ייד, און קומען אום אַ סך יידן, און ווערן אויסגעשאָכטן גאַנצע קהילות, דערקלערן גלייך די לעבנגעבליבענע מיט קדיש־זאָגן, אַז דאָס פאָלק וועט לעבן, וועט ניט אונטערגיין. עס איז אַ פאַן־אויפהייבונג פאַר דעם טריאומף פון לעבן און דערהאַלטונג פון דעם יידישן פאָלק. און אַנזאָגן דאַרפן עס זין, דאַרפן עס מענער, ווייל זיי, מער ווי טעכטער און פרויען, באַדייטן קיום־האומה. און אָט דעם גרויסן אַנזאָג מאַכט דאָס יידישע פאָלק דורך זיין אַדאָפּטירטער שפּראַך. ווי טייער האָט זי געמוזט אים זיין!

דאָס פאָלק האָט געהאַט אַריינגענומען אין מויל אַ סך אַנדערע שפּראַכן, האָט גערעדט אַראַביש אין די אַראַבישע לענדער, שפּאַניש אין שפּאַניע, אי־טאַליעניש אין איטאַליע, אָבער קיין איינע ווערט ניט דעם פאָלקס אייגנס, קיין איינע ווערט ניט די נשמה־שפּראַך פון יידישער דיכטונג, פון יידישער אינטימיטעט, פון השתפכות הנפש. לידער — דאָס געזאַנג פון האַרץ און נשמה — ווערן געשריבן אין די ביידע נשמה־שפּראַכן, אין לשון־קודש און אין תרגום־לשון. אין תרגום־לשון שאַפט ישראל נאַדזשאַראַ זיינע הערלעכע לידער, וואָס דאָס פאָלק האָט אַריינגענומען אין זיינע שבת־זמירות.

אָבער אין דער אייגענער צייט, ווען מיט ישראל נאַדזשאַראַ דערזינגט תרגום־לשון זיינע לעצטע לידער און וועט באַלד אויפהערן צו זיין די שפּראַך פון יידישער דיכטונג, האָט זיך באַוויזן אַ נייע צווייטע שפּראַך, וואָס זאָל באַגלייטן העברעאיש אין דעם שאַפן פון דעם יידישן פאָלק: אין איטאַליע האָט זיך איינגעבירגערט אליה בחור מיט זיינע ראָמאַנען אין יידיש.

3.

דאָס וואָס עס איז געשען צו אַראַמיש, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַדאָפּ־טירט און דערהויבן צו זיין ביי אים אַ שאַפונג־שפּראַך, איז געשען אויך צו אַן אַנדער שפּראַך, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַנגענומען אויף זיינע וואַנ־דערונגען דורך פעלקער און לענדער. מיט אַן אַכט הונדערט יאָר צוריק האָבן יידן אָנגעהויבן צו ריידן אויף אַ מיטל־הויכדייטשן דיאַלעקט, אויף אַ דיאַלעקט וואָס איז גערעדט געוואָרן אין דער באַרגיקער געגנט פון מיטל־דייטשלאַנד. זיי האָבן אַריינגעמישט אין דעם ניי־אָנגענומענעם דיאַלעקט ווערטער פון זייער אַלטן העברעאיש, ווי אויך עפּעס וואָס זיי האָבן פאַרשלעפּט

פון אַנדערע שפּראַכן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַנוצט אויף די פאַרשיידענע „ויחנוס" אין זייערע וואַנדערונגען. זיי האָבן אויף אַזאַ אופן געיידישט דאָס, וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון די דייטשן, אַזוי אַז די דייטשן האָבן עס ניט געקאָנט און ניט געוואָלט מער דערקענען און אַ נאָמען געגעבן יידיש־דייטש. ווען די יידישע מאַסן זענען געצוואונגען געוואָרן צו פאַרלאָזן זייערע היימען אין דייטשלאַנד, האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך זייער נייע שפּראַך.

זיי האָבן עס אויך געטאָן מיט אַן אַנדער שפּראַך — מיט שפּאַניש. אויך זי האָבן די אַרויסגעטריבענע פון שפּאַניע מיטגענומען אין זייער גלות. אָבער די שפּראַך האָט זיך ניט פאַרשפּרייט. זי איז געווען אַ פרעמדע שפּראַך, די שפּראַך פון אַ חרם־לאַנד. זי איז געבליבן די שפּראַך בלויז פון אַ קליינער גרופּע יידן, וואָס האָבן ניט געוואָלט פאַרגעסן שפּאַניע, און זיי זענען געבליבן אין איר אַזוי אומפּראָדוקטיוו, ווי זיי זענען אין איר געווען אין שפּאַניע. דער שאַפונג־געניוס פון די יידן, וואָס האָט זיך אַזוי הויך אויפגעהויבן אין העברעאיש, איז ניט געקומען צום קינסטלערישן וואָרט ניט אין שפּאַניע און ניט אין שפּאַניאָליש.

אַנדערש מיט יידיש. זי איז אַוועק מיט אירע יידן אין די פאַרשיידענע גלותן, געוואָרן די שפּראַך פון אַלץ־גרעסערע און גרעסערע יידישע מאַסן, די שפּראַך פון דער יידישער וואָך און וואָכעדיקייט אין אַ סך לענדער. זי האָט אָנגעהויבן צו לעבן איר אייגן לעבן. יידישע מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו זינגען אין איר לידער, לייענען מעשיות, אָננעמען זיך מיט מוסר פון פרומע מוסר־ספרים, אַריינגעטראָגן אין איר עטוואָס פון תנ"ך און מדרש. און אָט איז געקומען דער וואונדער־מענטש, דער גרויסער בעל־שם־טוב און האָט זי דערהויבן צו אינטימיטעט פון האַרץ און נשמה, צו אַ תפילה־שפּראַך, מיט וועלכער אַ ייד מעג זיך אויסריידן מיט גאָט, ווייל ער וועט זי פאַרשטיין. אין דעם מאָמענט, ווען אַ ייד האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און רירנדיק־האַרציק אַרויסגעוויטיקט „טאַטעניו! גאָטעניו!", האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטייג פון יידיש. אַ נייע צווייפּראַכיקייט האָט זיך אָנגעהויבן: לשון־קודש און יידיש. צוויי שפּראַכן, אין וועלכע דער יידישער שאַפונגס־גייסט האָט געפונען זיין מייסטערלעכן אויסדרוק.

אָבער אין יידיש האָט ער אויפגעטאָן וואונדער. ער האָט זי אַרויסגעפירט צו גרויסע הייכן אין וואָרט און קלאַנג, און פאַר דער קורצער צייט פון צוויי דורות באַשאַפן אין איר איינע פון די רייכסטע מאָדערנע ליטעראַטורן — פון די רייכסטע אין דיכטונג, אין דערציילונג, אין ראָמאַן, אַריבערײאָגנדיק אין כמות און איכות די גלייכצייטיקע ליטעראַטור אין העברעאיש און אַ סך אַנדערע ליטעראַטורן, און אַרויסגעבראַכט אַ נייעם צווייג אין יידישן שאַפן: דראַמע און טעאַטער.

יידיש איז געוואָרן די שפּראַך פון דעם יידישן שאַפונגס־גייסט, פון דעם יידנס נשמה יתירה, פון באַהעפטונג מיט דער יידישער אייביקייט, און איז געוואָרן י י ד י ש ! די שפּראַך פון יידן, פון יידישן פאָלק.

דער גרויסער נס פון יידיש! אין דער קירצסטער צייט פון צוויי דורות אַרויסצובריינגען פון פאָלק אַזאַ ריזיקע שפע פון שאַפונג! עס איז דער וואונדער פון דעם גריכישן מיטאָלאָגישן העלד אַנטייאָס, וואָס האָט געקראָגן אי־

בער־הערקולעסישע כוחות, ווען ער איז געשטאַנען מיט די פיס אויף דער ערד. ווען דער יידישער שאַפונגס־גייסט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד פון דער יידישער פאָלקשפּראַך, האָט ער אַרויסאַנטוויקלט אַזאַ קראַפט, וואָס האָט אויפגעטאָן וואונדער. שוין אין איכות: אַ פאַרפּלייצונג פון שאַפערס אין אַלע לענדער, וואו עס איז אויפגעקומען אַ יידישער ישוב. נישטאָ קיין לאַנד מיט אַ יידישן ישוב, אין וועלכן עס איז ניט אַרויסגעוואַקסן אַ צווייג פון דער יידישער ליטעראַטור.

אין דער צייט, ווען אין נאָרוועגן זענען אויפגעשטאַנען די גרויסע שאַפערס פון דער מאָדערנער נאָרוועגישער ליטעראַטור, ווי איבסען, קנוט האַמסון, אַרנע גאַרבאָרג און אַ סך אַנדערע, האָבן די מיליאָנען נאָרוועגערס אין אַמעריקע אויפגעבויט דעם שטאַט מינעסאָטאַ און ריזיק באַרייכערט אַמעריקע, אָבער האָבן ניט באַרייכערט מיט דעם קלענסטן ווערקל די נאָרוועגישע שפּראַך, וואָס גרויסע צאָלן פון זיי האָבן נאָך גערעדט.

און ווי די נאָרוועגערס, אַזוי אויך די מיליאָנען איטאַליענערס, שפּאַניערס און אַלע אַנדערע סקאַנדינאַווערס, די מכל־המינים סלאַוון אאַז״וו. קיין איין פעלקער־גרופּע פון די אַלע, וואָס שטעלן צונויף דעם צונויפמיש פון אַמעריקע, האָט ניט איבערגעריסן מיט דעם פאָטערלאַנד, פון וועלכן זי איז געקומען. אָבער קיין איין גרופּע האָט ניט געשאַפן קיין שום וויכטיק בוך אין דער שפּראַך פון איר פאָטערלאַנד.

נאָר איין אימיגראַנטן־גרופּע האָט געשאַפן אין אַמעריקע אַן אייגענע ליטעראַטור און אַן אייגענעם טעאַטער — דאָס זענען די פאָר מיליאָן יידיש־ריידנדיקע יידן. אין משך פון פופציק־זעכציק יאָר האָט דאָרטן אויפגעבליט איינער פון די רייכסטע צווייגן, אויב ניט דער רייכסטער צווייג פון דער ליטעראַטור אין יידיש, וואָס האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער ליטעראַרישער אַמעריקע, און עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ טעאַטער, וואָס איז לאַנגע יאָרן געווען אַן אויפטו אין דער אַמעריקאַנער טעאַטער־וועלט. דאָס האָט געגעבן די יידן אַ באַזונדערקייט צווישן די אַלע פעלקער־גרופּעס, וואָס זענען אין אַמעריקע, און געשאַפן אַ קולטורעלן אַרומצוים אַרום די יידן, אַ שטיק יידישע אָפּגעזונדערטקייט און אויטאָנאָמיע.

און, ווי אין אַמעריקע, אַזוי אויך אין קאַנאַדע, אַרגענטינע, מעקסיקע און אומעטום, וואו עס האָט אויפגעבליט די יידישע ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך. אומעטום אַ קולטור־סעפּאַראַטיזם, וואָס איז בלויז אַן אַנדער נאָמען פאַרן יידישן נאַציאָנאַליזם.

4.

ווען די באַקעמפערס פון יידיש זאָגן, אַז ביי יידן זענען פאַראַן און געווען אַ סך „יידישן״ אין דעם מויל פון די יידישע מאַסן אין די פאַרשיידענע גלותן, ווייסן זיי גאַנץ גוט, אַז איר ערגעץ איז נישט געווען אין דעם מויל פון די יידישע מאַסן אַ שפּראַך, וואָס זיי זאָלן באַהאַרציקן מיט דעם נאָמען יידיש. אָבער ווען זיי זאָגן, אַז יידיש איז איינע פון די פיל גלות־שפּראַכן, וואָס יידן האָבן אָנגענומען און געמען אָן, ווען זיי באַזעצן זיך אין אַ נייעם „ויחנו״ אין

זייער לאַנגן „ויסעו״, גיבן זיי זיך ניט אָפּ קיין רעכענונג אין דעם וואָס זיי זאָגן.

צו וועלכן, אייגנטלעך, גלות־לאַנד געהערט יידיש? וואָס איז איר פּאַס־פּאָרט? מיט וועלכער אַנדער גלות־שפּראַך קאָן מען זי פאַרגלייכן? זי איז געבוירן געוואָרן אין דייטשלאַנד — געהערט זי צום גלות דייטשלאַנד? האָט זי אויפגעהערט, ווען יידן האָבן פאַרלאָזן גלות דייטשלאַנד? מען קאָן זי ניט פאַרגלייכן צו לאַדינאָ, צום שפּאַניש וואָס די יידן האָבן אַרויסגעטראָגן פון שפּאַניע. איז לאַדינאָ אַן אָנווייז אויף יידישער צוגעהעריקייט? לאַדינאָ איז דער טייטש ל אָ ט י י נ י ש. ווערט לאַדינאָ גערעדט פון מיליאָנען יידן? האָט לאַדינאָ עפּעס געשאַפן? האָט זי אַ ליטעראַטור, וואָס קאָן אַריינגענומען ווערן אין אוצר פון יידישן שאַפן? איז זי אַן אַרומצוים אַרום יידן? באַטייט זי קולטורעלער סעפּאַראַטיזם? איז זי יידישער נאַציאָנאַליזם?

יידיש איז געוואָרן די שפּראַך פון דעם יידישן פאָלק אין זיין גאַנצער צעשפּרייטקייט. וואו יידן ווערן פאַרטראָגן, דאָרטן איז יידיש. זי איז גע־וואָרן די שפּראַך פון יידישן פאָלקס־באַוואוסטזיין, פון יידישער אָפּגעזונדערט־קייט און זעלבסטשטענדיקייט, אַ גדר אַרום יידישער גאַנצקייט. אומעטום, וואו אַסימילאַציע הייבט אויף דעם קאָפּ, הייבט זי אָן אַ קאַמף קעגן יידיש און זי באַקעמפט זי מיט דעם כוח פון די פאַרשיידענע גלות־שפּראַכן. אין רוסלאַנד מיט רוסיש, אין פוילן מיט פויליש, אין דייטשלאַנד מיט דייטש, אין אַמעריקע מיט ענגליש, אין אַרגענטינע מיט שפּאַניש און אַזוי ווייטער. זי איז ניט קיין איינע פון די גלות־שפּראַכן, נאָר די שפּראַך וואָס באַשיצט די יידן אין גלות פון אַלע אַנדערע גלות־שפּראַכן, וועלכע פירן צו אַסימי־לאַציע.

די אַסימילאַציע באַקעמפט ניט העברעאיש. העברעאיש שטערט איר ניט אין איר אויסשפּרייטונג. זי האָט פאַר איר קיין מורא ניט, ווייל העב־רעאיש איז ביי איר געוועזן אַ טויטע שפּראַך און זי האָט ניט געזען אין איר יידישן נאַציאָנאַליזם. אַ בכבודיקע טויטע שפּראַך, וואָס איז פאַרבונדן מיט רעליגיע, און מען מעג זי אַפילו שטודירן און קענען, ווייל זי איז בלויז אַ וויסנשאַפט און ווייל אויך גלחים שטודירן און קענען זי. די אַסימילאַציע נעמט אַפילו העברעאיש ווי אַ מיטקעמפערין קעגן יידיש. יידיש איז ביי איר די פעסטונג פון יידישן פאָלקס־באַוואוסטזיין און יידישער אָפּגעזונדערטקייט. אין דעם מאָמענט, ווען די אַסימילאַציע האָט באַזיגט יידיש, האָט זי זיך גע־ווענדט אויך קעגן העברעאיש: זי האָט אַרויסגעטריבן יידיש פון די היימען און העברעאיש פון די טעמפּלען.

די באַקעמפערס פון יידיש, געטרייע, גוטע נאַציאָנאַלע יידן, וואָלטן גע־וואָלט, אַז יידיש זאָל גיין דעם וועג פון די שפּראַכן פון די פאַרשיידענע גלותן. עס אַרט זיי ניט, ווען זיי הערן, אַז די לאַגע פון יידיש איז שוואַכער פון יאָר צו יאָר ביי די יידן אין אַמעריקע. אָבער דער טאָג, ווען יידיש וועט פאַר־שווינדן ביי די יידן פון אַמעריקע, וועט זיין אַ טרויער־טאָג פון חורבן־האומה. אין יענעם טאָג וועט די אַסימילאַציע זיין די פולע זיגערין און די אַמערי־קאַנער יידן וועלן גיין דעם וועג פון אַלע פעלקער־גרופּעס אין אַמעריקע. אַלע זענען זיי געקומען מיט זייער שפּראַך און צוגעבונדנקייט צו זייער פאָלק

און פֿאָטערלאַנד. אָבער פֿריער אָדער שפּעטער האָבן זיי אָפּגעלייגט זייער אייגענע שפּראַך און אָנגענומען די ענגלישע שפּראַך. האָבן זיי אויפֿגעהערט צו זיין, וואָס זיי זענען געווען. זיי זענען אַסימילירט געוואָרן, געוואָרן דאָס צונויפֿמיש־געקעכץ פֿון דעם אַמעריקאַנער שמעלצטאָפּ. די קינדער קענען ניט מער די שפּראַך פֿון די לענדער, פֿון וועלכע די טאַטעס זענען געקומען. דאָס וועט אויך זיין די באַציאונג פֿון די קומענדיקע דורות יידן אין אַמעריקע צו העברעאיש און מדינת־ישראל, ווען יידיש וועט פֿאַרשווינדן. זיי וועלן העברעאיש ניט אויפֿנעמען און מדינת־ישראל וועט בלייבן אַ פֿרעמד לאַנד, אין וועלכן עס וואוינען ווייטע קרובים. ווילן דאָס די גוטע, געטרייע יידן, וואָס זיי אַרט ניט דער אונטערגאַנג פֿון יידיש? זאָלן זיי זיך ניט איינריידן, אַז מיט יידן וועט אַנדערש זיין ווי מיט די אייניקלעך פֿון די נאָרוועגערס, איטאַליענערס און אַלע אַנדערע פֿעלקער. זיי קאָנען שוין איצט זען, ווי שטאַרק די אַסימילאַציע וועט זיין ווען יידיש וועט פֿאַרשווינדן. יידן וועלן אויפֿהערן זיין די אויסנאַם־גרופּע אין דעם אַמעריקאַנער צונויפֿמיש. די גוטע, געטרייע, נאַציאָנאַלע יידן, אויב זיי זענען עס באמת, דאַרפֿן זיין אין יעדער באַמיאונג, וואָס ווערט געמאַכט צו דערהאַלטן יידיש אין די גלות־לענדער. העברעאיש וועט דורך דעם ניט זיין קיין פֿאַרלירערין און אויך ניט מדינת־ישראל. דער יידישער נאַציאָנאַליזם וועט געשטאַרקט ווערן, מיט אים די ליבע צו העברעאיש, און עס וועט ענגער ווערן דער בונד מיט מדינת־ישראל.

יעדע דערשיינונג פֿון דעם יידישן פֿאָלקס־געניוס דאַרף זיי פֿרייען, וואַרעמען, אָנפֿילן מיט שטאָלץ, דאַרף ווערן זייערס, ווייל עס איז דעם גאַנצן פֿאָלקס.

יידן, געטרייע נאַציאָנאַלע יידן, דאַרפֿן זיך צוגעוואוינען צו דעם געדאַנק, אַז דאָס יידישע פֿאָלק האָט געשאַפֿן אין זיינע צוויי שפּראַכן צוויי ליטעראַטורן, וואָס זענען איינע, די ליטעראַטור פֿון דעם יידישן פֿאָלק. ליטעראַטור־היסטאָריש איז אָב אחד לכולנו: מענדעלע מוכר־ספרים איז דער זיידע פֿון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און דער פֿאָטער פֿון דער מאָדערנער העברעאישער. אָבער נאָך מער ווי מענדעלע איז אָב אחד לכולנו דאָס פֿאָלק. ביידע ליטעראַטורן זענען די שאַפֿונג פֿון זיין גייסט.

גוטע, געטרייע יידן מוזן לערנען מיט זייערע קינדער די ליטעראַטור אין יידיש צוגלייך מיט דער ליטעראַטור אין העברעאיש. זיי מוזן וויסן איר אָנהייב, אויפֿשטייג און פֿולע פֿונאַנדערבליאונג. די יידישע קינדער מוזן זי קענען, זיי זאָלן פֿולע יידן זיין. זיי מוזן וויסן די גאַנצע קראַפֿט פֿון יידישן שאַפֿונגס־גייסט.

זיי מוזן וויסן, ווייל די יידישע ליטעראַטור איז געשאַפֿן געוואָרן ניט בלויז פֿאַר יידיש־ריידנדיקע יידן; זי איז געשאַפֿן געוואָרן פֿון דעם פֿאָלק פֿאַר דעם גאַנצן פֿאָלק. איר רייכטום איז דאָס רייכטום פֿון דעם גאַנצן פֿאָלק — פֿאַר וואָס זאָלן העברעאיש־ריידנדיקע קינדער אָרעמער זיין?

מיט יאָרן צוריק, ווען איך בין געווען דער פּרעזידענט פֿון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפֿט, האָב איך אויפֿגעשטעלט פֿאַר איר די לאָזונג: יידיש און העברעאיש אין גלות, העברעאיש און יידיש אין ארץ־ישראל. די לאָזונג

איז נאָך איצט אין צייט. עס איז דער פּרינציפּ פון אונדזער צוויישפּראַכי־קייט, וואָס איז געווען אַ מזל וברכה פאַר אונדזער שאַפן און אַ ריזן־כוח פאַר אונדזער דערהאַלטונג.

פון „די גאָלדענע קייט", נומער 3, תל־אביב, 1949

תהלים סח

קאַפּיטל סח אין תהלים איז איינער פון די שווערסטע אין גאַנצן תנ"ך. אַלע מפרשים זענען בײַ אים שטיין געבליבן און געטאַפּט אין דער פינצטערניש אַ צוגאַנג צו אים. שוין אבן עזרא האָט געשריבן: „זה המזמור נכבד מאד" — דער דאָזיקער מזמור איז זייער שווער. דער יידיש־איטאַ־ליענישער דיכטער עמנואל הרומי באַרימט זיך אין זיינע מחברות, אַז ער האָט געפונען דעם פּירוש אויף דעם דאָזיקן קאַפּיטל, און דוד המלך האָט אים דערפאַר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ. אָבער ער האָט בלויז פאַנטאַזירט, דעם פּירוש האָט ער ניט אַרויסגעגעבן. דוד כהנא, איינער פון די נייע מפרשים, דערקלערט דעם קאַפּיטל „כחידה סתומה מני קדם באין פותר וכמעט נלאו כל החוקרים לבוא עד חקר תבונתו" — אַן אוראַלטע רעטעניש און ניטאָ קיין אויפקלערערס, און כמעט זענען די אַלע פאַרשערס מיד געוואָרן זוכנדיק זיין מיין. ש. פאָזנאַנסקי שרייבט: „אם כי הרבה מזמורים בספר תהלים אשר בערפל חתוליהם ואין בידנו לעמוד על כוונתם כראוי, הנה המזמור סח עולה על כולם בקושי הבנתו" — אויב עס זענען פאַראַן אין ספר תהלים אַ סך מזמורים, וואָס זענען איינגעוויקלט אין טונקלקייט און מיר קאָנען ניט פאַר־שטיין ווי געהעריק זייער מיין, שטייגט דער קאַפּיטל סח זיי אַלעמען אַריבער מיט זיין שווערקייט. דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער פּראָפעסאָר מ. ד. קאַ־סוטאָ האָט זיך אויסגעדריקט: „אין לך בכל ספר תהלים מזמור אחד שנתקשו בו המפרשים כפי מה שנתקשו במזמור סח" — אין גאַנצן תהלים איז ניטאָ נאָך אַ מזמור, אין וועלכן די מפרשים האָבן זיך אָנגעשלאָגן אויף שוועריי־קייטן, ווי אין קאַפּיטל סח.

ווייל מען האָט אים ניט פאַרשטאַנען, האָט מען געפּרואווט טרעפן זיין מיין, און יעדער האָט אין אים אַריינגעטייטשט, וואָס עס איז אים איינגע־פאַלן, אָבי פאַרטייטשט. און ווייל מען האָט אים ניט פאַרשטאַנען, האָבן אים די ביבל־קריטיקערס אַריינגענומען אין זייערע הענט, צעהאַקט אים אויף שטיקלעך, יעדן פּסוק צוגעשריבן אַן אַנדער זינגער און אַן אַנדער צייט. מחמת זיי האָבן אין אים אַנטדעקט שורות אָדער האַלבע שורות אָדער גאָר איינצלנע ווערטער פון פאַרשיידענע נביאים, האָבן זיי אים פאַררוקט אַזש ביז צו די חשמונאים און צוגעפּאַסט פאַרשיידענע אויסדרוקן צו די מלחמות פון די חשמונאים. קיינעם איז ניט איינגעפאַלן, אַז דער קאַפּיטל קאָן זיין אַ זייער אַלטער, און די נביאים האָבן גענומען פון אים, ווי זיין זינגער האָט גענומען

פון געזאַנגען, וואָס זענען געזונגען געוואָרן אַ סך פריער, פאַר אים, ווי משהס תפילה ביים ארון און דבורה הנביאהס שירה.

איך וועל זיך ניט באַרימען, אַז דוד המלך האָט מיך אַ קוש געטאָן אין קאָפּ, אָבער איך האָב געפונען דעם פּיתרון צו דער „חידה סתומה". איך מוז זיך אַפילו וואונדערן, וואָס אַזוי פיל גאונים האָבן אים ניט געפונען. ער ליגט דאָך אַזוי קלאָר און דייטלעך אין שמואל ב, קאַפּיטל י און אין דברי הימים א, קאַפּיטל יט. דאָרטן ווערט דערציילט וועגן דער מלחמה, וואָס דוד האָט געפירט קעגן עמון מיט ארם דמשק, ארם צובא, ארם מעכה און איש טוב, וועלכע עמון האָט געדונגען פאַר טויזנט שטיקער זילבער, זיי זאָלן אים העלפן. ארם דמשק און ארם צובא ליגן ביים טייך פרת, ארם מעכה אין צפון־מזרח פון דעם באַרג חרמון, און די מלחמה איז אָנגעגאַנגען פון דעם בשן ביים פוס פון חרמון ביז אין די וויסטעס, וואָס ציען זיך ביז צום פרת. די מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט אַ ריזיקן נצחון פאַר דודן, און — דער קאַפּיטל סח באַזינגט דעם דאָזיקן נצחון און איז איינער פון די עלטסטע קאַפּיטלעך. דער זינגער האָט געוויס אָנטייל גענומען אין דער מלחמה.

די מלחמה האָט געפירט גאָט אַליין. פון אַ באַרג אַראָפּ, געוויס פון דעם העכסטן באַרג, פון דעם חרמון, און דורך די וויסטעס פון ארם, און דער לויב־געזאַנג געהערט אים אין גאַנצן.

דער געזאַנג איז געטיילט אין פיר טיילן: א) ביז פסוק יב — באַוואונדע־רונג פון גאָט און זיינע מעשים; ב) פון פסוק יב ביז כ — די מלחמה; ג) פון כ ביז לב — די אומרואיקייט פון פאַר דער מלחמה און די האָפענונג אויף גאָט; פון לב ביז צום סוף — טריאומף און לויבגעזאַנג.

איצטער וועלן מיר דורכגיין פסוק נאָך פסוק.

1. למנצח, לדוד מזמור שיר — פאַר דעם כאָרמייסטער, פאַר דודן אַ הימען־געזאַנג.

די פיר ווערטער פון דעם פסוק האָבן אַרויסגערופן חלוקי־דעות. די מסורה לייענט למנצח, לדוד, מזמור שיר, קומען מפרשים און לייענען: למנצח, לדוד מזמור; דאָ קומען ווידער אַנדערע און לייענען: למנצח, לדוד, מזמור, שיר. איך לייען: למנצח לדוד מזמור שיר. ווען ניט די דריי ווערטער „סלה" אין דעם וויטערדיקן טעקסט, וואָס באַווייזן, אַז דער הימען איז גע־זונגען געוואָרן פון דעם לוויים־כאָר, וואָלט מען די ווערטער פון דעם פסוק גאָר ניט געדאַרפט פונאַנדערטיילן. זיי וואָלטן געמיינט: דעם זיגער דורך אַ הימען־געזאַנג.

2. יקום אלהים יפוצו אויביו וינוסו משנאיו מפניו — שטייט גאָט אויף, צעשטרויען זיך זיינע פיינד און זיינע האַסער צעלויפן זיך פון פאַר אים.

די געוואונענע מלחמה האָט גאָט אַליין געפירט, גאָט איז דאָ געווען איי־בערקאָמאַנדיר. דער פרומער זינגער וויל ניט געברויכן דעם שם־המפורש און געברויכט יהוהס אַטריבוט א ל ה י ם . אפילו ווען ער פּאַראַפראַזירט משהס תפילה פון „ויהי בנסוע הארון", דערלויבט ער זיך ניט נאָכצוזאָגן משהן און געברויכט בעסער א ל ה י ם . אָבער ער ענדערט אויך די גראַמאַטיק. משה בעט גאָט, ער זאָל אויפשטיין און די פיינד וועלן זיך צעשטרויען. דער

תהלים־זינגער וויים באַשטימט, אַז „שטייט גאָט אויף, צעשטרויען זיך די פיינד..."

3. כהנדף עשן תנדף, כהמס דונג מפני אש, יאבדו רשעים מפני אלהים — ווי עס צעבלאָזט אַ רויך בלאָזנדיק, ווי עס צעגייט וואַקס פאַר פייער, ווערן פאַרלענדט די שלעכטע פון פאַר גאָט.

דער דאָזיקער פסוק פאַרשטאַרקט דעם פריערדיקן און פירט צו דעם פסוק נאָך אים.

4. וצדיקים ישמחו יעלצו לפני אלהים וישישו בשמחה — און די ערלעכע מענטשן פרייען זיך, יובלען פאַר גאָט און הוליען פאַר שמחה.

און דעם דיכטערס ענטוזיאַזם שטייגט אָן:

5. שירו לאלהים זמרו שמו סלו לרכב בערבות ביה שמו ועלזו לפניו — זינגט צו גאָט, באַזינגט זיין נאָמען, סאַלוטירט דעם רייטער דורך די וויסטעס מיט זיין נאָמען יה און יובלט פאַר אים!

גאָט פירט די מלחמה און רייט דורך די וויסטעס פון ארם, אָבער ניט אַלס אלהים, נאָר טאַקע מיט זיין נאָמען, וועלכן דער פרומער זינגער פאַרקירצט אין יה. און דער זינגער אין זיין ענטוזיאַזם דערמאָנט זיך גליך, אַז גאָט איז ניט נאָר אַ מלחמה־פירער. ער איז אויך:

6. אבי יתומים ודין אלמנות אלהים במעון קדשו — יתומים־פאָטער און אלמנות־באַשיצער, גאָט אין זיין וואוינונג־הייליקטום.

7. אלהים מושיב יחידים ביתה מוציא אסירים בכושרות אך סוררים שכנו צחיחה — גאָט גיט די איינזאַמע אַ היים, באַפרייט די אין פענטעס־געבונדענע, נאָר אַפּטריניקעס בלייבן איינגעקוואַרטירט אין קוואַרעניש.

די לעצטע ווערטער זינגט ער אַריין ווי אין פאַרענטעזן, און קערט זיך אום צוריק צו זינגען, וואָס פאַר אַ שטאַרקן גאָט מיר האָבן.

8. אלהים בצאתך לפני עמך, בצעדך בישימון. סלה: גאָט, ווען דו ביסט אַרויס פאַרויס פאַר דיין פאָלק, ווען דו האָסט געשפּרייזט אין דער ווילדערניש...

דער פסוק איז די ערשטע העלפט פון פסוק 4 אין דבורהס ליד. ער ווערט איבערגעהאַקט מיט אַ ס ל ה, וואָס באַטייט, אַז דער כאָר האָט אויפגעהערט צו זינגען די ווערטער פון דעם ליד און איבערגעלאָזט די אינסטרומענטן אַליין. זיי האָבן זיכער אויסגעשפּילט אָן אויפשטורעם צו דעם קומענדיקן פסוק, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי פסוקים פון דבורהס ליד: פון דער צווייטער העלפט פון פסוק 4 און פון טיילן פון פסוק 5.

9. ארץ רעשה אף שמים נטפו מפני אלהים, זה סיני מפני אלהים אלהי ישראל — ערד האָט געציטערט, אויך די הימלען האָבן געטריפט פון פאַר גאָט. דער אַ סיני פון פאַר גאָט דעם גאָט פון ישראל.

דער תהלים־זינגער האָט זיך דערלויבט פרייהייטן מיט דבורהס ביידע פסוקים. זינגט א ל ה י ם אנשטאָט י ה ו ה; אנשטאָט „בצאתך משעיר, בצעדך משדה אדום", זינגט ער: „בצאתך לפני עמך, בצעדך בישימון" — אין דער ווילדערניש, וואָס ציט זיך ביז צום פרת. פון דער צווייטער העלפט פון פסוק 4 מאַכט ער איין פסוק מיט פסוק 5. און פאַרקירצט זיי ביידע. אנשטאָט „גם שמים נטפו" געפעלט אים בעסער צו זאָגן „אף שמים נטפו",

און לאָזט אויס די ווערטער „גם עבים נטפו מים, הרים נזלו״... ער נעמט פון דבורהס בילדלעכקייט נאָר דאָס, וואָס ער האָט געזען און דורכגעלעבט אין דעם טאָג פון דער מלחמה. די ערד האָט געציטערט, די הימלען האָבן געטריפט, אָבער עס זענען ניט געווען קיין וואָלקנס און די בערג זענען נישט צערונען. זיינע בשן־בערג האָבן זיך אַנדערש באַנומען. אָבער אויך זיין סיני איז ניט דער סיני פון דבורהס ליד.

עס איז מערקווערדיק, וואָס דאָס פאָלק ישראל האָט ניט געמאַכט קיין שום פּרואוו אַריינצונעמען אין זיינע גרענעצן דעם באַרג סיני, וועלכער ווערט אַזוי אָפט דערמאָנט מיט גרויס פאַרהייליקונג אין תפילות און געזאַנגען. דוד און שלמה דערווייטערן די גרענעצן פון לאַנד, אָבער קומען ניט צו צום סיני. דערפאַר אָבער ווערן געהייליקט אַנדערע בערג, ווי מוריה און הר ציון. אונדזער דיכטער וויל דערהייבן און הייליקן דעם בשן־באַרג, פון וועלכן גאָט האָט געפירט די מלחמה. גאָט האָט אויף אים אַראָפּגענידערט, איז ער זה סיני, איז ער הר אלהים, איז ער אַ סיני בקדש.

פון גאָטס גרויסקייט און שטאַרקייט קערט זיך דער דיכטער אום צוריק צו גאָטס גוטסקייט און ווענדט זיך צו אים מיט אַ פּאָר בקשות:

10. גשם נדבות תניף, אלהים, נחלתך ונלאה אתה כוננתה — אַ ברכה־רעגן וועסטו לאָזן גייך, גאָט, דיין נחלה די מידע האָסטו דערמיט אויפגעריכט.

11. חיתך ישבו בה תכין בטובתך לעני, אלהים — דיינע לעבעדיקע באַשעפענישן וואָס האָבן זיך באַזעצט אין איר, וועסטו אונטערשטיצן מיט דיין גוטסקייט צום אָרעמאַן, גאָט!

ווען ער האָט דאָס אַראָפּגערעדט פון האַרצן, נעמט זיך דער דיכטער צו זינגען די מלחמה:

12. אדני יתן אמר המבשרות צבא רב — גאָט טוט אַרויסגעבן אַ זאָג, וואָס רופט צונויף אַ גרויסע אַרמיי.

די מפרשים און איבערזעצערס האָבן פאַר דעם וואָרט ה מ ב ש ר ו ת דאָס וואָרט אַ נ ז אָ ג ע ר י נ ס: „אַנזאָגערינס אַ גרויסע מחנה״. וואָס פאַר אַ אַנזאָגערינס? פון וואַנען נעמט זיך די אַנזאָגערינס? זענען אין הימל פאַראַן אַנזאָגערינס? ה מ ב ש ר ו ת באַציט זיך געוויס אויף א מ ר, נאָר דאָס וואָרט איז פאַרגרייזט — איינער פון די גראַמאַטיקאַלישע גרייזן, וואָס זענען אַ סך אין תנ״ך.

13. מלכי צבאות ידודון ידודון ונות בית תחלק שלל — די פירער פון די אַרמייען אַנטלויפן, אַנטלויפן, און אַ הויזפרוי טיילט אויס רויב.

אַ וואונדערלעכער אַנוויז, וויפל גוטס די אַנטלויפערס האָבן איבערגע־לאָזן, אַז אַפילו „אַ הויזפרוי טיילט אויס רויב״!

14. אם תשכבון בין שפתים, כנפי יונה נחפה בכסף ואברותיה בירקרק חרוץ — ווען איר ליגט צווישן אַ באַרגקלאַמער — ווי פליגלען פון אַ טויב, וואָס איז באַדעקט מיט זילבער און אירע פליפעדערן מיט גאָלדיקן גרין.

דער דאָזיקער פסוק איז איינער פון די אומפאַרשטענדלעכסטע, און די איבערזעצערס מאַכן אים פאַר איינעם פון די אומגעלומפּערטסטע. מען פילט אין אים שיינקייט און די מפרשים טייטשן אין אים אַריין מעטאַפיזיק. אָבער דער דיכטער שילדערט דאָ אַ חרמון־לאַנדשאַפט — די מלחמה איז דאָך פאַר־

געקומען ביים חרמון. ער איז געלעגן ביי אַ באַרגריס און האָט באַמערקט, אַז די זייטן פון דעם ריס זענען אויס ווי פליגלען פון אַ טויב, וואָס איז אויבן באַדעקט מיט זילבער — דער חרמון־שפּיץ איז דאָך באַדעקט מיט שניי, אָבער אונטן אַראָפּ, די פליפעדערן זענען גאָלדיק־גרין. און ער שלאָגט אייך פאָר, אַז איר זאָלט זיך אויך אַוועקלייגן דאָרטן, וועט איר עס אויך זען. אם תשכבון בין שפתים... וואָס איז שפתים? דאָס וואָרט געפינט זיך אין תנ"ך נאָר נאָך איין מאָל — אין יחזקאל מ, דאָרטן מיינט עס אַ קלאַמער, וואָס באַפעסטיקט. די קלאַמער האָט געוויס אויסגעזען ווי אַ וועשקלאַמער: די צווייצאָל שפתים זאָגט, אַז די שפתים זענען געווען צווייאיק. שטעלט אויף אויסגעשפרייטערהייט דעם צייגפינגער מיט דעם מיטלפינגער, און איר האָט די שפתים, ווי דער דיכטער האָט זיי געזען אין באַרגריס פון חרמון.

15. בפרש שדי מלכים בה, תשלג בצלמון — ווען דער אַלמעכטיקער האָט צעטריבן אין איר די מלכים, האָט עס געשנייט פינצטער־דיק.

אין איר — אין דער מלחמה. תשלג בצלמון... צלמון איז דער נאָמען פון אַ באַרג לעבן שכם — ער קאָן דאָ ניט קומען אין באַטראַכט. עס איז שווער אָנצונעמען, אַז חרמון האָט געקאָנט הייסן ביים דיכטער אויך צלמון. על־כל־פנים, אויב אַ באַרג, האָט ער געדאַרפט דיכטן על הצלמון, ניט בצלמון. מוז דאָס צלמון האָבן אַן אַנדער טייטש. רד"ק דערקלערט טאַקע: בצלמון — בחושך, כמו בצלמות...

16. הר־אלהים הר־בשן, הר־גבננים הר־בשן — גאָטס באַרג דער בשן־באַרג, דער האָרבן־באַרג דער בשן־באַרג.

דער דיכטער פאַרהערלעכט און פאַרגעטלעכט דעם בשן־באַרג, פון וועלכן גאָט האָט געפירט די מלחמה, און ער רעדט פון אים שפּילעריש, פּול לאַסקע.

17. למה תרצדון הרים גבננים, ההר חמד אלהים לשבתו אף יהוה ישכון לנצח — וואָס האָפּקעט איר, האָרביקע בערג? צוליב דעם באַרג, וואָס גאָט האָט זיך פאַרגלוסט צו האָבן פאַר זיין זיץ, וואו יהוה וועט אייביק וואוינען.

דער דיכטער פרעגט די בשן־בערג, וואָס איז זייער שמחה, און זיי ענטפערן, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי האָבן צווישן זיך דעם באַרג, וועלכן גאָט האָט אויסגעקליבן פאַר זיך.

18. רכב אלהים רבתים, אלפי שנאן, אדני בם, סיני בקדש! — די רייטעריי פון גאָט איז אין די צענטויזנטער, טויזנטער איבער טויזנטער, גאָט איז אין זיי, אָ, סיני אין הייליקייט!

דער באַגייסטערטער דיכטער רעדט דאָ צו דעם פון אים פאַרהערלעכטן באַרג און טיטולירט אים „סיני בקדש!" ארם האָט געהאַט אַ סך רייטוואָגנס. דוד האָט זיי גאָר ניט געהאַט, אָבער ער האָט זיי ניט געדאַרפט, ווייל גאָט האָט זיי אים צוגעשטעלט און ער האָט צעשטערט די רייטוואָגנס פון ארם אין די צענדליקער טויזנט. איז דער דיכטער נאַטירלעך זייער באַגייסטערט און רעדט זיך אַזוי אויס צום באַרג, פון וועלכן גאָט האָט געפירט די מלחמה און אַראָפּגעלאָזן אויף ארם זיינע רייטוואָגנס (מען קאָן אויך אָננעמען, אַז די ווערטער „סיני בקדש" האָבן זיך אַראָפּגערוקט פון סוף פון דעם פאַריקן פסוק, וואָס דאַרף זיך לייענען: „אף יהוה ישכון לנצח סיני בקדש — אויך יהוה וועט באַוואוינען אייביק דעם סיני אין הייליקייט).

19. עלית למרום שבית שבי לקחת מתנות באדם ואף סוררים לשכן, יה אלהים! — ביסט אַרויף נאָך אויבן, האָסט געפאַנגען געפאַנג, גענומען אַן אָפּגאָב אין מענטשן, און אויך אָפּטריניקע איינצוקוואַרטירן, יה דו האַר!

דער פסוק איז זייער אַ שווערער, און מפרשים האָבן געבראָכן אויף אים די קעפּ. ער ווערט לייכט, ווען מען לייענט אים אין טערמינען פון דער מלחמה, וואָס גאָט האָט געפירט פון אויבן פון באַרג, און ווען מען דערמאָנט זיך דעם דיכטערס „אך סוררים שכנו צחיחה".

נאָך דעם אויסרוף „יה אלהים!" גייט דער דיכטער איבער צו פאַר־מלחמה־שטימונגען, האָפענונגען און געבעטן:

20. ברוך אדני יום־יום, יעמס לנו, האל ישועתנו. סלה. — געבענטשט איז גאָט טאָג־טעגלעך! ווערט אונדז שווער, איז גאָט אונדזער הילף.

סלה! דער כאָר הערט אויף און די מוזיק שפּילט פרומען אויפשטייג און דערהייבונג:

21. האל לנו אל למושעות וליהוה אדני למות תוצאות — גאָט איז אונדז אַ גאָט פון הילף, און ביי יהוה דעם האַר איז אויך פון טויט אַ רעטונג.

האָט מען דערפאַר געהאַט די האָפענונג און דעם גלויבן, אַז —

22. אך־אלהים ימחץ ראש אויביו, קדקד שער מתהלך באשמיו — נאָר גאָט וועט צעשמעטערן דעם קאָפּ פון זיינע פיינד, דעם האַריקן קאָפּ, וואָס פאַראַדירט אין זיין פאַרזינדיקטקייט.

און אויך די פאַרזיכערונג פון גאָט:

23. אָמר אדני מבשן אָשיב אָשיב ממצלות ים — האָט גאָט געזאָגט: פון בשן וועל איך (זיי) אַרויסקריגן, (אַפילו) אַרויסקריגן פון די טיפענישן פון ים.

24. למען תמחץ רגלך בדם, לשון כלביך מאויבים מנהו — כדי דו זאָלסט טאָפּטשען דיין פוס אין בלוט, די צונג פון דיינע הינט (וועט לעקן) פון אים (פון בלוט) פון די פיינד.

די האָפענונגען און פאַרזיכערונגען זענען דאָך טאַקע מקוים געוואָרן, און דער דיכטער קאָן זיך ניט איינהאַלטן צו דערציילן, אַז אַלע —

25. ראו הליכותיך, אלהים, הליכות אלי, מלכי בקדש — האָבן געזען דיינע גענג, גאָט, די גענג פון מיין גאָט, מיין קיניג אין הייליקייט.

און אַלע זענען געווען באַגייסטערט און פריילעך:

26. קדמו שרים אחר נגנים בתוך עלמות תופפות — פאָרויס זינגערס, הינטן שפּילערס, אין מיטן פּייקלענדיקע מיידלעך.

27. במקהלות ברכו אלהים, אדני ממקור ישראל — אין כאָרן האָבן זיי געבענטשט גאָט, דעם האַר פון רעכטן אָנהייב פון ישראל.

גאָט איז ישראלס האַר פון סאַמע אָנהייב פון ישראל: ישראל האָט קיינ־מאָל קיין אַנדערע געטער ניט געהאַט.

איצט קערט זיך דער דיכטער אום צוריק צו פאַר־מלחמה און טיילט אויף אַן אַרמייטייל, אין וועלכן ער אַליין האָט זיך מסתמא געפונען:

28. שם בנימין צעיר רודם שרי יהודה רגמתם שרי זבולון שרי נפתלי — אַ יונגער בנימין דער קאָמאַנדיר, האַרן פון יהודה מיט זייער מחנה, האַרן פון זבולון, האַרן פון נפתלי.

בנימין צעיר רודם... אַ יונגער מאַן פון שבט בנימין איז דאָרטן געווען קאָמאַנדיר. רודם — האָט מיט זיי קאָמאַנדירט (אפשר — אנשטאָט בנימין, בניהו? בניהו בן יהוידע איז דעמאָלט געווען אַ יונגער מאַן און איז שוין געווען אַ קאָמאַנדיר).

און דער דיכטער דערציילט די דעמאָלטיקע תפילות:

29. צוה אלהיך, עזך עוזה, אלהים, זו פעלת לנו! — באַפעל דיינע מלאכים, דיין קראַפט פאַרשטאַרק, גאָט! אַזוינס האָסטו שוין געטאָן...

דער פסוק געהערט צו די שווערע. די מפרשים מיט די איבערזעצערס האָבן ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט „אלהיך". דער איינציקער אויסוועג איז געווען צו לייענען א ל ה י ם . עס איז צו שטוינען, וואָס קיינעם איז ניט איינגעפאַלן, אַז אלהים האָט עטלעכע טייטשן, און א ל ה י ך מיינט דאָ ד י י נ ע מ ל א כ י ם , ווי אין תהלים פב: ב ק ר ב א ל ה י ם י ש פ ט , וואו א ל ה י ם קאָן ניט מיינען ג אָ ט .

30. מהיכלך על ירושלם — לך יובילו מלכים שי — פון דיינע טעמפלען אויבן אין ירושלים — דיר וועלן מלכים ברענגען געשענקען —

דער בית־המקדש איז נאָך ניט אויפגעבויט, אָבער גאָט רוט אין דעם אהל, וואָס דוד האָט פאַר אים אויפגעשטעלט, און אויך אויף דעם פלאַץ, אויף וועלכן דוד האָט אָנגעוויזן: זה הוא בית ה׳ אלהים. דער דיכטער הייבט אָן: פון דיינע טעמפלען אויבן אין ירושלים. רייסט איבער כדי אָנצוזאָגן גאָט, וואָס גאָט נאַטירלעך ווייס אַליין, אַז „דיר וועלן מלכים ברענגען געשענקען" צום אויפבוי פון דעם בית־המקדש, וואָס איז אויך געשען גלייך נאָך דער מלחמה, און זעצט פאָר, וואָס אַזוינס האָט מען געבעטן פון גאָט: פ ו ן ד י י נ ע ט ע מ פ ל ע ן . —

31. גער חית קנה, עדת אבירים בעגלי עמים, מתרפס ברצי כסף! בזר עמים קרבות יחפצו! — שריי אָן אויף דער וואַסעררויר־בעסטיע, אַ געזינדל פון אָקסן צווישן קעלבער־פעלקער, וואָס וואַרפן זיך צו די פיס פאַר שטיקלעך זילבער! צעטרייב די פעלקער, וואָס ווילן מלחמות!

דער דיכטער שרייט דאָ אַרויס טיפע פאַראַכטונג צו די פעלקער, וואָס האָבן זיך געלאָזט באַצאָלן פאַר דער מלחמה מיט ישראל. אַלע מפרשים האָבן אויסגעטייטשט, אַז דער פסוק מיינט מצרים, ווייל „קנה" — וואַסערראָר — ווערט דערמאָנט און מסתמא באַציט זיך עס אויפן טייך נילוס... מערקווערדיק, ווי קיינעם איז ניט איינגעפאַלן, אַז פרת איז אויך אַ גרויסער טייך און עס וואַקסן ביי זיינע ברעגן וואַסערראָרן. און נאָך מער איז מערקווערדיק, וואָס אַלע זאָגן זיך אָפּ צו פאַרשטיין „מתרפס ברצי כסף" און קיינער איז ניט אויפמערקזאַם געוואָרן אויף די ט ו י ז נ ט ש ט י ק ע ר ז י ל ב ע ר , וואָס עמון האָט באַצאָלט די געדונגענע פעלקער...

אַרויסשרייענדיק זיין פאַראַכטונג, גייט איצט איבער דער דיכטער צום טריאומף־געזאַנג. גאָטס זיג איבער די פעלקער וועט מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק:

32. יאתיו חשמנים מני מצרים, כוש תריץ ידיו לאלהים — עס וועלן קומען גרויסע האַרן פון מצרים, כוש וועט באַאיילן זיינע הענט צו גאָט.

33. ממלכות הארץ שירו לאלהים זמרו אדני. סלה. — קיניגרייכן פון דער ערד, זינגט צו גאָט, באַזינגט דעם האַר —

און ווידער הערט אויף דער כאָר און די מוזיק שפּילט אויפשטייג און דערהייבונג —

34. לרכב בשמי שמי־קדם, הן יתן בקולו קול עז — פאַר דעם רייטער אין די הימלען, די אוראַלטע הימלען, ער וועט אָפּענטפערן מיט זיין שטים, אַ שטים פון מאַכט.

35. תנו עז לאלהים, על ישראל גאותו ועזו בשחקים — אָנערקענט גאָטס מאַכט. איבער ישראל איז זיין הערלעכקייט און זיין מאַכט אין די הימלען.

36. נורא אלהים ממקדשיך אל ישראל הוא נתן עז ותעצמות לעם ברוך אלהים! — וואונדערלעך איז גאָט! פון זיינע הייליקטומען גיט ער, גאָט פון ישראל, מאַכט און קראַפט צו זיין פאָלק, געבענטשט זאָל זיין גאָט!

מ מ ק ד ש י ך לייענט די סעפּטואַגינטע מ מ ק ד ש י ו.

ר אַ נ ד ־ ב אַ מ ע ר ק ו נ ג:

ווען איך האָב באַקאַנט געמאַכט מיין פריינט ד״ר יהודה אבן־שמואל, מיט מיין פירוש, האָט ער אַראָפּגענומען פון די פּאָליצעס פון זיין רייכער ביבליאָטעק פאַרשיידענע מפרשים, צווישן זיי אויך דעם מלבי״ם. ביידע זענען מיר איבערראַשט געוואָרן פון דעם מלבי״מס דערקלערונג, אַז נאָך לאַנגן איבער־טראַכטן איז ער געקומען צום אויספיר, אַז דער קאַפּיטל סח באַזינגט די מלחמה פון דודן קעגן ארם. דאָך האָט דער דאָזיקער אויספיר אים ניט גע־פירט צו אַ נאַטירלעכער דערקלערונג פון די פסוקים אין ראַמען פון גע־שיכטע, נאָר ער איז אַריינגעפאַלן אין דעם איבערנאַטירלעכן דרש.

אַ לעגענדע איז אומגעגאַנגען אין אונדזער היים, אין מיין געבורטשטאָט מאָהליוו אויפן דניעפּער, אַז דער מלבי״ם האָט מיך געבענטשט. ער איז געווען רב אין מאָהליוו אין די יאָרן 1870—1872. משכילים האָבן אים געמסרט, אַז ער גראָבט אונטער די יסודות פון דער צאַרישער רעגירונג, און ער האָט געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט. אויף מאָרגן נאָך מיין ברית האָט מיין באָבע מיך אין געלויף אַוועקגעטראָגן צו אים, זי זאָל ניט פאַרשפּעטיקן די ברכה פון דעם צדיק. זי איז אָנגעקומען, ווען ער איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל. ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף מיר, געבענטשט איך זאָל אויסוואַקסן אַ לייט און אַ קוש געטאָן מיך אין קאָפּ. אפשר האָט דער קוש גורם געווען, אַז איך זאָל פאַרענדיקן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן.

דער קוש און זיינע ברכות האָבן אפשר נאָך גורם געווען, אַז אויך מיך האָט מיט צוויי און צוואַנציק יאָר שפּעטער אַ מאָהליווער משכיל, דער קאַ־זיאָנער ראַווין געמסרט, אַז איך גראָב אונטער די יסודות פון צאַריזם. דאָס איז געווען, ווען איך בין געקומען צום פּריזיוו אין מאָהליוו, און מיין גליק איז געווען, וואָס איך בין באַצייטנס אַוועקגעפאָרן פון מאָהליוו און באַלד אויך פון רוסלאַנד...

צום סוף נאָך וויל איך באַדאַנקען ד״ר יהודה ראָזענטאַל פאַר זיין זייער גרינטלעכער עסיי וועגן יהואָשעס תנ״ך־איבערזעצונג, געדרוקט אין די ייוואָ־בלעטער, באַנד 34. זיין אויספירלעכע אַרבעט איבער קאַפּיטל סח האָט מיר פאַרשפּאָרט די טירחה פון גראָבן זיך אין מקורות און כ׳האָב גענומען פון זיין אַלעמפאַרטיקן, וואָס ער האָט פלייסיק צוגעגרייט.

פון „די גאָלדענע קייט״, נומער 13, תל־אביב, 1952

דער כוח פון אַ ניגון

(חיים גרינבערגן געווידמעט)

א שמאָלער שאָסיי, וואָס האָט זיך געצויגן פון ווייטן אַרויס אין ווייטן אַריין, פאַרביי פעלדער און דורך וועלדער, אויפנעמענדיק אין זיין מהלך וועגן און שטעגן, וואָס זענען אָנגעקומען פון ערגעץ־וואו, געבליבן ביי אים שטיין אָדער אַריבערגעכאַפּט זיך אַריבער אים און געגאַנגען ווייטער ערגעץ־וואוהין. הויך איבער אים האָט זיך אַ נאָכמיטאָג־זון פאַרבויגן צו מערב־צו און משופּעדיק געגאָסן אויף אים אירע שטראַלן, און אונטן, אי־בער אים, הייבנדיק זיך צום הימל, האָט זיך געטראָגן אַ פריילעכער ניגון:

— טאַטערי־טאַטערי־טאַטערי־טאַם! בים־באַם־באַם, בים־באַם־באַם! טאַ־טע, טאַטע זיסער!

פריילעכע יידן זענען געגאַנגען איבער אים. אַ לוסטיקע חברותא. אַ גאַנצער מנין. אַלטע, מיטליאָריקע און אויך יונגע. לאַנגע, גרויע בערד; לאַנגע, שוואַרצע און רויטע; און אויך קליינע בערדעלעך, קוים אַרויסגע־שפּראָצטע. אַ פּאָר יידן האָבן הויך אַרויסגעשטעקט איבער די קעפּ פון די אַנדערע. איינער, גאַנץ פון הינטן, איז געווען ווי אַ נאָכשפּרינגענדיק פּינ־טעלע. אַלע אין שבתדיקע בגדים, אין ליוסטרין און אין געוואַנט, די הויזן אין לאַנגע זאָקן אָדער איבער די שטיוול, אין קאַפּעליושן און קאַשקעטן, אָבער אַלע מיט אַרויסשטעקנדיקע ארבע־כנפותן און אַרומפליענדיקע ציצית.

יום־טובדיקע יידן, כאָטש עס איז קיין יום־טוב נישט געווען. זיי האָבן געטראָגן דעם יום־טוב אין זיך, ווייל זיי זענען געגאַנגען פון אַ שמחה, פון אַ מצוה.

— בים־באַם, בים־באַם־באַם, טאַטע, טאָטע זיסער!

אַ געזאַנג מיט שלעכטע שטימען. נאָר גאָט ברויכט ניט די שטימען, ער ברויכט דאָס האַרץ, און דאָס געזאַנג איז געווען אַ האַרציק דורכריידן זיך מיט גאָט.

אָבער עס איז אויך געלעגן טאַנץ אין דעם ניגון.

—אי־אי־אי־אי, איא, איא!

און זיי האָבן טאַקע געטאַנצט. געגאַנגען און געטאַנצט. צוגעפּאַטשט

זיך מיט די הענט. יעדער איינער האָט זיך פּאַראויסבאַוועגט מיט טאַנץ. אויפגעהויבן דעם סיורטוק פון הינטן, געגאַנגען און געטאַנצט. אָבער אַז זיי זענען אַריינגעקומען צווישן ביימער, האָבן זיי פּאַרלייגט האַנט אויף אַקסל און טאַקע דורכגעטאַנצט זיך אין אַ ראָד, און פּאַלעס און פּאות זענען געפלויגן.

— טאַטערי־טאַטערי־טאַטערי־טאַם! בים־באַם־באַם, בים־באַם־באַם! טאַ־טע, טאַטע זיסער!

אויף אַ זייטנוועג, וואָס האָט זיך געענדיקט ביים שאָסיי, איז געגאַנגען אַן איינזאַמער פּויער. אַ מאַן אין די דרייסיקער מיט אַ בלאָנד בערדל, מיטל־וואוקסיק. פון וויטן האָט ער שוין געהערט דעם פריילעכן ניגון און געזען טאַנצנדיקע געשטאַלטן, איז ער געגאַנגען און געקוקט אויף זיי, געקוקט נאָך לינקס, פון וואַנען זיי זענען אָנגעקומען, די אויגן נישט אַראָפּגענומען. ער האָט באַלד דערקענט, אַז דאָס זענען יידן, אָבער ער איז דאַן געווען פאַרנומען מיט זיינע אייגענע געדאַנקען וועגן דער וויכטיקער אָנגעלעגנהייט, וועלכער האָט געפירט אים דאָ אויפן וועג, און ער האָט זיך נאָך ניט אָפּגעגעבן מיט די טאַנצנדיקע יידן. געחידושט זיך אַביסל, אָבער געבליבן גלייכגילטיק.

די געשטאַלטן זענען צוגעקומען נענטער, זייערע באַוועגונגען זענען גע־וואָרן קענטיקער, זייער געזאַנג איז געוואָרן שטאַרקער. ער האָט זיי אָנגעקוקט מער פאַרחידושט, די געדאַנקען וועגן זיין אייגענער אָנגעלעגנהייט זענען גע־בליבן שטיין — ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז ער האָט וועגן וואָס געטראַכט. ער האָט פאַרלאַנגזאַמט זיין גאַנג, נישט געקוקט אונטער די פיס, די אויגן אָנגעשטעלט נאָר אויף די פריילעכע יידן.

האָבן זיי אים געזען? האָבן זיי אים באַמערקט? זיי האָבן, דאַכט זיך, נישט געקוקט, נישט רעכטס און נישט לינקס, אָפּט געגלאָצט די אויגן צום הימל און, ווען זיי האָבן געקוקט פאַר זיך, האָבן זיי געקוקט אין אַ ווייטקייט, וואָס איז נישט געווען פון דער וועלט. נאָר אויב זיי האָבן אים באַמערקט, האָבן זיי זיך נישט אויסגעמאַכט פון אים, גלייך ווי זיי וואָלטן אים גאָר ניט געזען. זיי האָבן נישט געענדערט זייער טאַנץ, נישט מפסיק געווען זייער ניגון, נישט אַרונטערגעלאָזט דעם טאָן.

ווען ער איז צוגעקומען צו דעם פונקט, וואו זיין וועג האָט זיך געענ־דיקט אין דעם שאָסיי, האָבן זיי פאַרבייגעטאַנצט פאַרביי אים. אויך דעמאָלט נישט באַמערקט אָדער נישט אויסגעמאַכט זיך פון אים.

האָט זיך אָבער געמאַכט אַזוי, אַז זיי זענען געגאַנגען דעם וועג, וועלכן ער האָט געדאַרפט גיין. זיי — פאָרויס, און ער — הינטער זיי. און ווייל זיי האָבן קיינעם נישט געזען אין דער ווייטקייט פאַר זיך, פאַר וועמען זיי וואָלטן געדאַרפט אָפּטרעטן פון דעם שאָסיי, האָבן זיי זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער ברייט פון דעם שאָסיי. איין ברייטע, טאַנצנדיקע שורה, מיט אַ צוויי־דריי נאָכשלעפּערס, וועלכע האָבן קיין פּלאַץ נישט געפונען אין דער שורה אָדער זענען געווען לאַנגזאַמערע גייערס, נאָכשפּרינגערס און נאָכטאַנצערס.

און דער פּויער הינטער זיי. צוערשט געקוקט פאַראינטערעסירט אויף די רוקנס און באַוועגונגען פון די אונטערטאַנצנדיקע יידן. דערנאָך איז דער פאַראינטערעסירטער בליק ביסלעכווייז אַריבער אין פאַראַכטלעכקייט — „יידעליוקעס!“ — און באַלד אָנגעצונדן זיך מיט כעס.

דער פויער האָט זיך געכאַפּט, אַז די יידן האָבן זיך צעשפּרייט אַזוי גאָר באַלעבאַטישדיק און פאַרשטעלן אים דעם וועג. ער האָט נישט פאַרשנעלערט זיינע טריט אַריבערצויאָגן זיי, נאָר איז געגאַנגען לאַנגזאַם, ווי פריער, און אַריינגעאַרבעט זיך אין אַלץ מער אָנשטייגנדיקער בייזקייט:

— זשידעס! טיוולעשער אָפּשטאַם! ווי זיי האָבן זיך צעיושעט!

און וואָס ער האָט געטראַכט, האָט ער אויך אַרויסגערעדט, אַרויסגעבייזערט, אַרויסגעשפּיגן.

זיי האָבן אים נישט געקאָנט הערן. זיי האָבן געזונגען צו־הויך. היינט גיי און שריי זיי אַריבער! צום ליבסטן וואָלט ער זיי פאַרפאָרן מיט זיין שטיוול אין די הינטערנס!... אָט־דער קליינער יידליק פון הינטן בעט זיך פּשוט, ער זאָל אים אַ גוטן בריק טאָן. אָבער גיי, הייב זיך אָן איינער קעגן צען, אויף אַן איינזאַמען וועג, דורך וואַלד און פעלד.

דאָך — ער האָט דערהעכערט זיין קול. ער האָט זיך צעשריען:

— פאַר׳שיווע זשידעס! האָבן זיך צעיושעט... קיין מפּלה נעמט זיי גאָר נישט! וויפל מען שלאָגט זיי, איז זיי אַלץ ווייניק!

די יידן האָבן עס געמוזט הערן. ער איז דאָך געגאַנגען אַזוי נאָענט היני־טער זיי. אָבער זיי האָבן זיך אַפילו נישט אומגעקוקט. זיי האָבן ווייטער גע־זונגען און ווייטער געטאַנצט, ווי זיי וואָלטן גאָר נישט געהערט.

דאָס האָט אים שטאַרק צערייצט. ער האָט פאַרשנעלערט זיין גאַנג, אַ לאָז געטאָן זיך מיט געשריי און זידלעריי:

— וואָס׳ט איר פאַרכאַפּט דעם גאַנצן וועג, פאַרפלוכטע זשידעס? מען קען שוין צוליב אייך נישט דורכגיין! ווער צעפּאַלן, טיוולעשער אָפּשטאַם!

ער האָט מיט אַ כּיוון אַרויפגעשפּרייזט אויף די פּאָר נאָכשלעפּערס, פאַר־נאַנדערגעשטופּט זיי רעכטס און לינקס, אַז זיי זענען שיער נישט אומגע־פאַלן, און דורכגעשפּרייזט די אָפענע פאַדערשטע שורה, מיט די עלנבויגנס שטויסנדיק רעכטס און לינקס.

די יידן אָבער — ווי גאָר נישט וואָלט געשען! — זיי האָבן ווידער צו־זאַמענגערוקט זיך און ווייטער געזונגען זייער ניגון און געגאַנגען און גע־טאַנצט. האָבן זיך אַפילו נישט איינגעקוקט אין אים. ווער עס האָט געגלאָצט די אויגן צום הימל, ווער עס האָט געקוקט פרום און עניוותדיק צו דער ערד, אונטער די פיס, און די וואָס האָבן געקוקט פאַר זיך האָבן ווייטער גע־קוקט אין דער ווייטקייט, וואָס איז נישט פון דער וועלט, און דער פויער, וואָס איז איצט געגאַנגען פאָרויס פאַר זיי, האָט פון זיי די דאָזיקע ווייטקייט נישט פאַרשטעלט.

ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף זיי. דאָס האָט געזאָלט זאָגן, אַז ער האָט זיך גענומען דאָס וועג־רעכט, וואָס קומט אים, ווייל ער איילט זיך. און ווער זענען זיי צו פאַרשטעלן אים דעם וועג? און איצט האָט ער זיך ווייטער געאיילט, איז געגאַנגען מיט גרויסע, שנעלע טריט, שנעל דערווייטערט זיך פון די יידן, אָבער עס האָט אים געערגערט, פאַר וואָס די יידן האָבן אים אַזוי איגנאָרירט. גאָרנישט! ווי ער וואָלט זיי נישט פונאַנדערגעשטופּט, ווי ער וואָלט זיי נישט געזידלט און געשאָלטן... אָט, אַ געזינדל!

פאַר ערגערניש האָט ער אָנגעהויבן זיי איבערצוקרימען. פאַר זיך אַליין,

נאָכגעגעבן זיך דאָס האַרץ, איבערגעקרימט דאָס געזאַנג. מיט אַ מין געלער העסלעכער שטים האָט ער זיך צעגאַרגלט — „אי־אי־אי־אי־אי טאַטעטאַטי־טאַטו!" — און איבערגעקרימט דעם טאַנץ. אויפגעהויבן זיין ראַק פון הינטן, אויסגעשטעלט זיי זיין ברייטן הינטערן און געשאָקלט אים, און געדרייט, און געוואָרפן מיט די הענט... אָפּגעטאָן זיינס און געגאַנגען ווייטער.

אָבער די גרויסע יידן האָבן גראָד פאַרלייגט האַנט אויף אַקסל און גע־לאָזן זיך טאַנצן אין אַ ראָד, און די מיטלוואוקסיקע האָבן צוגעלייגט די הענט און מיטגעטאַנצט, און די קליינע האָבן געטאַנצט אַרום און אַרום, און דער ניגון איז אָנגעשטיגן העכער און שטאַרקער:

— טאַטערי־טאַטערי־טאַם! בים־באַם־באַם! טאַטע, טאַטע זיסער!

דער פויער איז אַוועק אַ שטיק וועג פאָרויס. געגאַנגען ווי אַ זיגער, מיט אויפגעהויבענעם קאָפּ און פעסטע שריט און געטראָגן אין זיך זידלווערטער און קללות אויף די יידן. אָבער די יידן האָבן אָנגעהויבן אים צו פעלן. פריער, ווען ער איז געגאַנגען הינטער זיי, איז געווען אינטערעסאַנטער. איצט האָט ער געהאַט פאַר זיך ווייטקייט און פוסטקייט, קוים אַ פויגל דורכ־געפלויגן. און פריער איז געווען אויף וועמען צו קוקן. פריער אויך האָבן זיינע קללות געהאַט ממשות. זיי האָבן געטראָפן אין די רוקנס פון די טאַנ־צנדיקע און זינגענדיקע זשידיוקעס. איצט גייען זיי אין דער לופט אַריין, לוינט זיך שוין אַפילו נישט אַרויסצוזאָגן זיי.

ער האָט פאַרלאַנגזאַמט זיינע טריט. זאָל כאָטש זיין נענטער צו די יידע־לעך און זייער געזאַנג. און ער וועט זיי עפּעס אָפּטאָן. ער וועט אויך זינגען.

ער וועט זינגען זיינע לידער און העכער פאַר זיי, וועט זיי צעמישן, אַראָפּ־שלאָגן פון טאָן.

ער האָט אָנגעהויבן צו זינגען אַן אַלט פּאָלקסליד. צעזונגען זיך אויף די העכסטע קולות. אומגעקוקט זיך, צי הערן אים די יידן. און באַלד טאַקע אומגעקערט זיך מיטן פּנים צו די יידן. איז געגאַנגען אַ שטיק אויף הינטן און געזונגען מיט אַלע כוחות. געשיקט זיין ניגון צום יידישן ניגון, געוואָלט אים מבלבל זיין. אָבער דער יידישער ניגון איז גאָר נישט מבולבל געוואָרן, איז גאָר פעסטער געוואָרן, האַרציקער, פרימער, נעימותדיקער.

און עס איז געשען גאָר פאַרקערט: זיין ניגון איז מבולבל געוואָרן. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז זייער ניגון איז אַריין אין אים, אַריינגעזעצט זיך אים אין האַלדז, אויסגעברייטערט זיך אין זיין זכרון, און אָט וועט ער אים באַלד זינגען. ער האָט זיך אָפּגעווענדט פון די יידן, איז אַוועק פאָרויס און געריסן זיך דעם האַלדז, געוואָלט פאַרשרייען אין זיך דעם יידישן ניגון, פאַרטויבן אים אין זיך און — פלוצלינג אָפּגעהאַקט. ער האָט, דאַכט זיך, זיין אייגענעם ניגון פאַרגעסן. פאַר פאַרדראָס און בייזקייט האָט ער אָנגעהויבן נאָכצוקרימען דעם יידישן ניגון, צעחוזקט דעם ריטעם און פאַרמיאוסט די טענער, פאַרגאַווערט די יידישע ווערטער. אָבער ביסלעכווייז האָט די נאָכקרימעניש אָפּגעלאָזן און ער איז לאַנגזאַם געגאַנגען און האָט שטיל פאַר זיך געזונגען דעם יידישן ניגון. ער האָט עס קוים באַמערקט, אָבער ער האָט אָנגעהויבן צוצוגעבן צו זיין געזאַנג דעם יידישן קוועטש — דעם אונטערטאָן פון פרומקייט און האָפע־נונג און בטחון.

ער האָט איבערגעזונגען איין מאָל און צוויי מאָל און דווקא ביים דריטן מאָל פאַרטשעפּעט זיך און נישט געקאָנט זינגען ווייטער; פאַרגעסן. ער האָט אָנגעהויבן צו זוכן אין זיך די פאַרזעצונג, האָט אָנגעהויבן צוריק פון אָנהייב און ווידער געבליבן שטיין, פאַרגעסן, ווי עמעצער וואָלט עס ביי אים אַרויסגעריסן פון קאָפּ. אָט, דאַכט זיך, געזונגען, דורכגעזונגען אינגאַנצן, און אָט אויס, אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ. ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ אויף הינטן צו די יידן צו, אָנגעבויגט אָן אויער, איז אויך באַלד שטיין געבליבן, בעסער צוגעהערט זיך. די יידן זענען שוין געווען גאָר נאָענט. און אָט זינגען זיי דעם ניגון, וואָס ער האָט פאַרגעסן. אַ, יאָ! איצט ווייסט ער. ער האָט אויפגעכאַפּט די מעלאָדיע, צעזונגען זיך אויפן קול און אָנגעהויבן צו גיין. אָבער איצט, ווען ער האָט זיך צעזונגען אויפן קול, איז דער פריילעכער ניגון אַריין אים אין די פיס און אַרויסגעשיקט טאַנץ־איינלאַדונגען איבערן גאַנצן קערפּער. האָט ער געמאַכט עטלעכע טאַנץ־באַוועגנגען, אַ שפּרונג געטאָן אויף די פיס קאַמאַרינסקי־מעסיק.

אָבער טאַנץ וויל געזעלשאַפט, וויל שותפים.

ער האָט זיך אומגעקוקט אויף די יידן, איז שטיין געבליבן, האָט זיי אָפּגעוואַרט.

די יידן האָבן אים געזען און נישט געזען. געקוקט איבער אים, פאַרביי אים, דורך אים. ער איז געווען פאַר זיי לופט. זיי האָבן געזונגען זייער פריילעכן ניגון, געגאַנגען זייער פריילעכן גאַנג, צוגעפּאַטשט מיט די הענט: „טאַטערי־טאַטערי־טאַטערי־טאַם! בים־באַם־באַם! טאַטע, טאַטע זיסער!“...

ווען זיי האָבן זיך אויסגעגלייכט מיט אים, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— און איך קאָן עס שוין אויך זינגען...

און האָט אָנגעהויבן צו זינגען — „טאַטערי־טאַטערי־טאַטערי־טאַם“! נישט נאָכגעקרימט, נאָר אמתדיק, אין טאָן און מיטן קוועטש.

די יידן זענען געווען גרייט נישט צו הערן, וואָס ער וועט זיי דאַרטן זאָגן, צו פאַרהערן זיינע קללות, אויף וועלכע זיי האָבן זיך געריכט. זענען זיי פאַר זיינע ווערטער נאָך געווען פאַרשלאָסן. אָבער זיין זינגען האָט עפּעס אַ ריר געטאָן אין זיי, איבערגעראַשט זיי, פאַרחידושט זיי, פאַרלאַנגזאַמט זייער גאַנג. ער האָט זיך צוגעשטעלט צו זייער פאָדערשטער שורה, אַוועק מיט זיי אין גאַנג, אַריין אין זייער כאָר:

— טאַטערי־טאַטערי־טאַטערי־טאַם! בים־באַם־באַם, בים־באַם־באַם! טאַטע, טאַטע זיסער!

די יידן האָבן זיך נישט אמגעקוקט אויף אים, אָבער האָבן געהערט זיין שטים, און עס איז נישט געווען אין איר קיין חוזק, קיין אָפּלאַך, נישט דאָס קלענסטע ביסל פיינטשאַפט. און דער מנין יידן האָט געפילט, אַז עפּעס אַ מאָדנע זאַך איז געווען, עפּעס אַ נס מן השמים, און אין זייער גאַנג האָט אָפּגעקלונגען גרויסע התפעלות:

— טאַטע, טאַטע זיסער!

ער האָט איבערגעריסן דאָס זינגען, אַ ווענד געטאָן זיך צו זיין שכן, אַ הויכן מיטליאָריקן יידן מיט אַ גרויסער רויטלעכער באָרד:

— און וואָס מיינט עס אָט: טאַטע, טאַטע זיסער?

דער הויכער ייד האָט ווי עפּעס דערוואַרט פון אים די פראַגע. זי איז דאָך אַ טייל פון דעם נס. און ער האָט אים התפּעלותדיק־פרום דערקלערט:

— גאָט מיינט עס! גאָט! דעם גרויסן גאָט אין הימל!

ער האָט פרום־התלהבותדיק געטייטלט מיטן פינגער צום הימל און אונ־טערגעכאַפּט דעם ניגון, צעזונגען זיך מיט די איבעריקע.

דער פויער האָט דערפילט די פרומע התלהבות, דערפילט גאָט און די מורא פאַר גאָט. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און איבערגעצלמט זיך. די יידן, וואָס האָבן באַמערקט זיין האַנט־אויפהייב, האָבן צוגעמאַכט די אויגן, זיי זאָלן נישט זען, ווי ער וועט אויסלייגן אויף זיך דעם שתי וערב, אָבער זיי האָבן געפילט זיין פרומקייט, געפילט אַז דאָס איז נישט מער דער, וואָס האָט זיי פריער באַליידיקט און געשאָלטן. און דער הויכער ייד האָט אַרויפגע־לייגט זיין האַנט אויף דעם פויערס פּלייצע, און דער פויער האָט אַרויפגע־לייגט זיין האַנט אויף דעם יידנס פּלייצע, און זייערע שטימען האָבן זיך ענ־גער צונויפגעגאָסן, און ביידע האָבן זיי געמאַכט די גלייכע טאַנץ־באַוועגונגען.

און אַזוי זינגענדיק און טאַנצנדיק זענען זיי צגעקומען צו אַן אָרט, וואו אַ זייטנוועגל האָט זיך אַריבערגעכאַפּט איבערן שאָסיי, און דער פויער האָט אַראָפּגענומען זיין האַנט פון דעם יידנס פּלייצע און אַ זאָג געטאָן:

— איך דאַרף רעכטס, און איר וואוהין?

— מיר: גלייך, — האָט דער ייד געענטפערט, — מיר גייען אין שטאָט.

— נו, איז אָט. זייט געזונט! — האָט דער פויער געזאָגט און געוואָלט אַראָפּנעמען דאָס היטל.

אָבער דער ייד האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דעם פויערס אַקסל און דעם פויערס האַנט צו זיך אויפן אַקסל, און די אַנדערע יידן האָבן אַרויפ־געלייגט יעדער זיין האַנט, און דאָס געזאַנג איז אָנגעשטיגן, און עס איז אַוועק אַ התלהבותדיקער געדריי־טאַנץ.

דער פויער האָט צוערשט נישט געוואוסט, וואָס די יידן מיינען, האָט זיך געהאַט אַביסל פאַרלוירן, נישט געוואוסט, וואָס ער האָט צו טאָן, אָבער אַ דריק פון דעם יידנס פינגער אויף זיין אַקסל האָט אים געגעבן דעם טאַנץ־צייכן און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף שטעלן טאַנץ־פּיס, און דאָס וועט זיין אַ געזעגענונג־טאַנץ פון זיין כבוד וועגן. איז, נו! האָט ער אַריינ־געלייגט זיין גאַנץ האַרץ אין זיינע פיס און אין האַלדז און געטאַנצט און גע־זונגען „כאחד מאתנו" אין גאַנצן ווי אַן אונדזעריקער.

ווען דער געדריי האָט אויפגעהערט, האָט ער אַלעמען געגעבן די האַנט:

— זייט געזונט! זייט געזונט! זייט געזונט!

און די יידן האָבן אים געענטפערט:

— גייט מיט גאָט!

זיי זענען אַוועק מיט דעם ניגון ווייטער אויף דעם שאָסיי און ער האָט זיך פאַרנומען נאָך רעכטס, אַן אויפגעווייכטער, אַן אויפגעוואַרעמטער, אַ שיי־נבעדיקער. ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל אומגעקוקט אויף די יידן. זיי זענען געגאַנגען נאָך פריילעכער, נאָך צונויפגעגאָסענער מיט גאָט, האָבן געהויבן קול

און הענט צום הימל. ער האָט אויך אָנגעהויבן צו זינגען דעם ניגון, מיט די הענט צום הימל, מיט די אויגן צום הימל. זיין גאַנג איז געוואָרן פרומע פּראָצעסיע, און איבער וואַלד און פעלד האָט זיך פון צווי זייטן פרום און האַרציק און ליבפול געטראָגן:

— טעטערי־טאַטערי־טאַטערי־טאַם!...

דוד פינסקי — ביאָגראַפישע נאָטיצן

1872 — געבוירן דעם 15טן אַפּריל, כ״ה אדר תרל״ב, אין מאָהילעוו אויפן דניעפּער. דער פאָטער אַ קאָמיסיאָנער פון מיליטער־קליידונג, האָט פאַרבראַכט לענגערע צייט־אָפּשניטן אין מאָסקווע. דוד איז דערצויגן געוואָרן אונטער דער השגחה פון זיין מוטער, וואָס האָט מיט איר ליבשאַפט צו שיינקייט דערוועקט אין אים אַ געפיל פאַר עסטעטיק.

1877 — אָנגעהויבן לערנען אין אַ חדר ביי אַ דרדקי־מלמד. אין 1879 אַריבער צו אַ גמרא־מלמד. ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס פעולה אין לערנען.

1882 — דער פאָטער האָט זיך געזאָרגט אַז דוד זאָל לערנען העברעאיש און רוסיש. אַ דאַנק דעם קומט ער אין באַרירונג מיט דער השכלה־ליטעראַטור.

1884 — צו צוועלף יאָר האָט ער אָנגעשריבן אַ טעאַטער־שפּיל, וואָס זיינע חברים האָבן אויפגעפירט פאַר איינטריט־געלט לטובת צדקה.

1885 — די משפחה האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין מאָסקווע.

1888 — אָנגעשריבן אַ דערציילונג אויף רוסיש וועגן אַ נאַציאָנאַלן יידן וואָס האָט זיך געשמדט אויס ליבע צו אַ רוסיש מיידל, אָבער ער האָט געוואָלט גלייכצייטיק בלייבן געטריי די נאַציאָנאַלע אידעאַלן פון יידישן פאָלק.

1890 — געקומען קיין וויטעבסק צו זיין עלטערן ברודער כדי זיך דאָרט צוצוגרייטן אַריינצוטרעטן אין אַן אויסלענדישן אוניווערסיטעט. גרינדעט דאָרט צוזאַמען מיט ראובן ברייני אַ פאַריין „בני ציון" און ווערט דער סעקרעטאַר פון פאַריין. ער איז שטאַרק באַאיינדרוקט געוואָרן פון י. ל. פּרצס בוך „בעקענטע בילדער", און אַליין גענומען צוגרייטן נאָטיצן און מאַטעריאַלן פאַר לידער און פּראָזע אויף יידיש.

1891 — פאָרט קיין ווין צו שטודירן מעדיצין. זיך אָפּגעשטעלט אויפן וועג אין וואַרשע כדי זיך צו באַקענען מיט פּרצן און ווייזן אים זיינע אייגענע כתבים. פּרץ האָט אים דערמוטיקט ממשיך צו זיין. אין ווין האַלט ער זיך אויס פון העברעאישע לעקציעס וואָס ער גיט דעם זון פון פּרץ סמאָלענסקין, דעם רעדאַקטאָר פון „השחר". ער באַקענט זיך מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין וועלכער ער ווערט אַריינגעצויגן. אָנגעשריבן זיין סאַטירישע דערציילונג „דער גרויסער מענטשנפריינט". זיך באַקענט מיט ד״ר נתן בירנבוים, רעדאַקטאָר פון יידיש־נאַציאָנאַלן חודש־זשורנאַל אויף דייטש, „אויטאָ־עמאַנסיפּאַציאָן"".

1893 — צוריקגעקומען פון ווין קיין וואַרשע וואו זיינע עלטערן האָבן דאַן געוואוינט. ער פאַרעפנטלעכט אין עפּעלבערגס „וואַרשעווער יידישער קאַלענדאַר" אַ ליד „לשנה טובה". דעם 5טן מאַי געדרוקט אין ניו־יאָרקער סאָציאַליסטישן וואָכנבלאַט „אַרבעטער־צייטונג" אַ דערציילונג „אין

משוגעים־הויז". דעם זעלביקן יאָר
געשריבן „אַראָפּ פון יאָך" און „ר'
שלמה".

1894 — געשריבן די דערציילונגען „אַ פריי־
לעכער גביר" און „חיים משרת".
אין מרדכי ספעקטאָרס זאַמלבוך
„דער הויז־פריינד", באַנד 3, אָפּגע־
דרוקט דעם פעליעטאָן „אויף דער
פּראָווינץ", און אונטערן פּסעוודאָ־
נים „אלמוני", „אויף מלחמה מיטן
הינטערפיסל־טאַנץ". געהאָלפן גרינדן
דעם פאַרלאַג „י. ל. פּרץ־אויסגאַבן".
זיך באַטייליקט אין פּרצס „יידישע
ביבליאָטעק". אונטערן פּסעוד־נאָמען
„ד. פּולס", פאַרעפנטלעכט אַ יידי־
שע באַארבעטונג פון ברעמס „די
אַפּן". געהאָלפן פּרצן און ספּעק־
טאָרן ביים זאַמלבוך „ליטעראַטור
און לעבן" און ביים אַרויסגעבן
פּרצס „די יום־טוב־בלעטלעך". פּינס־
קי איז אַרומגעפאָרן גרינדן „זשאַר־
גאָנישע קאָמיטעטן" צו פאַרשפּרייטן
די „בלעטלעך". געדרוקט אין די
„יום־טוב בלעטלעך" „געשלאָגן דעם
טאַטן", וואָס איז יאָרן־לאַנג געווען
אין רעפּערטואַר פון יידישע פאַרליי־
ענערס. באַזוכט מאָהילעוו אין פאַר־
בינדונג מיטן פּריזיוו.

1895 — געשריבן „ערב יום־כיפור" און „אַ
מהומה". געהאָלפן פּרצן רעדאַקטירן
דעם דריטן באַנד „די יידישע ביב־
ליאָטעק".

1896 — אין מערץ געפאָרן קיין בערלין
שטודירן אין אוניווערסיטעט ליטע־
ראַטור, טעאַטער־קונסט, געשיכטע
און פילאָסאָפיע. געגרינדעט דעם
פאַרלאַג „צייטגייסט" וואָס האָט
אַרויסגעגעבן זיין דערציילונג „דער
פאַרפאַלענער". דער סטודענטן־
פאַריין „בילדונג" האָט אַרויסגעגעבן
„לערע פון לעבן", 2 ביכלעך אי־
בער זאָאָלגיע אונטערן פּעדער־נאָ־
מען ד. מאָרדפּין. זיך באַטייליקט
אין די ניו־יאָרקער סאָציאַליסטישע
צייטונגען „אבענד בלאַט" און „אַר־
בעטער צייטונג" אונטער פּסעוודאָ־
נימען ד. פּולס פאַר דערציילונגען
און דופּק און סטודיאָס פאַר אַרטיק־
לען.

1897 — חתונה געהאַט מיט האָדל קויפמאַן.
געשריבן „דערציילונגען", „ליבע"
און „ אַ מעשה מיט אַ הונגעריקן".
זיך באַטייליקט אין אַ קאָנפערענץ
לטובת יידיש.

1898 — געבוירן געוואָרן זיין ערשט קינד,
אַ ייִנגל.

1899 — דעם 25סטן דעצעמבער אָנגעקומען
קיין ניו־יאָרק אויף דער איינלאַדונג
פון יוסף שלאָסבערג צו ווערן מיט
אים מיט־רעדאַקטאָר פון דער וואָכנ־
שריפט „אַרבעטער צייטונג" און לי־
טעראַרישער רעדאַקטאָר פון דער
צייטונג „אבענד בלאַט". געשאַפן
דעם יאָר דעם איינאַקטער „יסורים"
און די דריי־אַקטיקע דראַמע „אייזיק
שעפטל". פאַרטראַכט דעם סוזשעט
פון דער דראַמע „דער אוצר".

1901 — געשאַפן די דראַמע אין 3 אַקטן „די
מוטער".

1902 — אין וואַרשע אַרויס די זאַמלונג פון
זיינע צוויי דערציילונגען „דראבקין"
און „יום־כיפור".

1903 — אָנגעהויבן שאַפן זיין ווערק אין 4
אַקטן „די פאַמיליע צבי". דער קי־
שענעווער פאָגראָם האָט ביסלעכווייז
גורם געווען ער זאָל אויפגעבן זיין
סתם סאָציאַליסטישע שטעלונג און
זיך איבערגעבן דער פאַרווירקלעכונג
פון שיבת־ציון געדאַנק אויף סאָציאַ־
ליסטישע יסודות. אָנגעשריבן די
דערציילונג „דאָס מיידל ביים אָרון־
קודש" און „שיני".

1904 — אָנגעהויבן דערשיינען די וואָכנשריפט
„דער אַרבעטער" אונטער דער רע־
דאַקציע פון יוסף שלאָסבערג און
פינסקי אַלס דער ליטעראַרישער מיט־
רעדאַקטאָר. אין די 7 יאָר וואָס דער
זשורנאַל האָט עקזיסטירט האָבן אַ
ריי שפּעטער־באַרימטע יידישע דיכ־
טערס און דערציילערס דאָרט גע־
מאַכט זייערע ערשטע ליטעראַרישע
שריט. פאַרעפנטלעכט זיין דראַמע
„אייזיק שעפטל" און דעם איינאַק־
טער „גליקספאַרגעסענע". אין בער־
לין איז דערשינען מאַרטין בובערס
דייטשע איבערזעצונג פון „אייזיק
שעפטל".

1905 — „די פאַמיליע צבי" אַרויסגעגעבן גע־
וואָרן פון „בונד" אין זשענעווע. גע־
שאַפן די דערציילונג „זרובבל".

פאַרענדיקט דאָס דראַמאַטישע ווערק „דער אוצר" אין 4 אַקטן. געשריבן דעם איינאַקטער „דער אייביקער ייד", וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ וויכטיקער טייל פון דעם רעפּערטואַר פון דעם „הבימה"-טעאַטער, און „יאַנקל דער שמיד" אין 4 אַקטן.

1907 — בעתן באַזוך פון ד"ר נתן בירנבוים אין ניו-יאָרק צוגעשטאַנען צום איניציאַטיוון קאָמיטעט צו פאַררופן אין 1908 די יידישע שפּראַך-קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ.

1908 — געשריבן דעם איינאַקטער „מיט זיגערפאָנען" און די 3-אַקטיקע דראַמע „גאבריי און די פרויען". „די פאַמיליע צבי" ווערט אויפגעפירט אין ניו-יאָרקער ליפּצין-טעאַטער.

1909 — דעם 11טן מערץ געבוירן געוואָרן דער זון גאבריי. סוף נאָוועמבער האָט דוד קעסלער אויפגעפירט אין ניו-יאָרק „יאַנקל דער שמיד". די הירשביין-טרופּע האָט געשפּילט „אייזיק שעפּטל".

1910 — געשאַפן די היסטאָרישע דראַמע „מרים אין מגדלה" אין 3 אַקטן.

1911 — אויפגעפירט אין בערלין אויף דייטש „דער אוצר". געשאַפן די דראַמע אין 3 אַקטן „פּראָפעסאָר ברענער" און דער „שטומער משיח".

1912 — פּינסקי שליסט זיך אָן אין „פּועלי-ציון". אינאיינעם מיט יוסף שלאָסבערג אַרויסגעגעבן 14 נומערן פון „אידישע וואָכנשריפט". אָנגעשריבן „די בערגשטייגער", אַ שפּיל אין 4 אַקטן, און „יעדער מיט זיין גאָט", 4 אַקטן. געשאַפן די דערציילונגען „יוחנן כהן גדול", „אַ פרעמדע נשמה", „איינער וואָס איז דאָ ניט געווען", „די וואַנט" און „דער קאָרשון". „דער אוצר" אויפגעפירט אין ניו-יאָרק פון יוסף שילדקראַוט.

1913 — מיטגרינדער פון יידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער - פאַרבאַנד, שרייבט די איינאַקטערס „בת-שבע", „געוויסן", „דער דאָלער".

1914-1915 — געשאַפן די איינאַקטערס „מיכל", „אביגיל", „אין האַרעם", „בעסער נישט געבוירן", די דראַמע אין 4 אַקטן „נינא מארדנס ליבעס" און די איינאַקטערס „פּאָליטיק" און „אבישג". דערשינען אַן ענגלישע איבערזעצונג פון „דער אוצר" פון לודוויג לואיסאָן.

1916-1917 — געשאַפן דעם איינאַקטער „קליינע העלדן". געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער „פּועלי-ציון"-שריפט „דער יידישער קעמפער". דעם 14טן אויגוסט געשטאָרבן זיין יינגעלע גאבריי. געשריבן די דערציילונג „ברוריה". געשאַפן „יעדער מיט זיין גאָט".

1918-1919 — יאָרן פון גרויס פּראָדוקטיוויטעט. געשאַפן דעם איינאַקטער „דער פאָנאָגראַף", „דער דערפינדער און דעם קעניגס טאָכטער", „די שיינע נאָנע", „דער גאָט פון רייך-געוואָרענעם וואָלהענדלער", די 4-אַקטיקע דראַמע „ליבעס קרומע וועגן", די 3-אַקטערס „די תוכחה", „קאַליקעס" און „אדוניה". דערוויילט געוואָרן פּרעזידענט פון יידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער-פאַרבאַנד אויף אַ טערמין פון 3 יאָר. געוואָרן מיט-רעדאַקטאָר פון פאַרבאַנדס „יידישע אַרבעטער-שטימע". דער „שטומער משיח" אויפגעפירט אינעם ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער. אַרויס אין ענגליש זיינס אַ בוך בעלעטריסטיק „טעמפּטיישאָנס".

1920 — געוואָרן הויפּט-רעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער צייטונג „די צייט", אַרויסגעגעבן פון דער „פּועלי-ציון"-פּאַרטיי. אָנגעהויבן זיין סעריע דערציילונגען „שלמה המלך און זיינע ווייבער". געשאַפן דעם איינאַקטער „דער עבירות-יעגער". אין ניו-יאָרקער „גילד-טעאַטער" ווערט געשטעלט „דער אוצר" אויף ענגליש.

1921 — „די פאַמיליע צבי" ווערט געשטעלט אין ירושלים אין אַ העברעאישער איבערזעצונג פון י. פרידמאַן.

1922 — זיך באַטייליקט אין דער בערלינער וועלט-קאָנפערענץ פון „פּועלי-ציון". געמאַכט אַ טור איבער אייראָפּעאישע לענדער און באַזוכט ארץ-ישראל. דערוויילט געוואָרן קאַסירער פון יידיש - נאַציאָנאַלן אַרבעטער-פאַרבאַנד. די יידישע קולטור-וועלט פייערט זיין 50-יאָריקן יובל. אָנגע-

שריבן „זלמן דער פּאָדריאַטשיק און זיינע מעשות״.

1923 — אָנגעשריבן די פיר־אַקטיקע דראַמע „דער לעצטער סך־הכל״. שפּעטער אויפגעפירט פון דער טרופּע „אונזער טעאַטער״ געגרינדעט פון דער יידישער טעאַטער־געזעלשאַפט, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון דוד פּינסקי, פּרץ הירשביין, ה. לייוויק און מענדל עלקין. געווען מיט־רעדאַקטאָר פון דער געזעלשאַפטס זשורנאַל „טעאַליט״. געשאַפן די 4־אַקטיקע דראַמע „אָן אַן ענטפער״ און די 3־אַקטיקע דראַמע „דריי״.

1924 — געשאַפן די 4־אַקטיקע דראַמע „איסאַק פּיניעוו״ און דעם איינאַקטער „דאָס שענסטע שפּיל״.

1925 — פאַרענדיקט זיין ערשטן ראָמאַן „אַרנאָלד לעווענבערג דער מענטש פון שלום״.

1926 — פאַרפאַסט די דריי־אַקטיקע דראַמע „דער זיגער״.

1927 — אָנגעשריבן „אַלעקסאַנדער און דיאָגענעס״ אין 5 אַקטן. אויפגעפירט אין תל־אביבער „בית־עם״ „דער פרעמדער״ (דער אייביקער ייד) אין מ. דושמאַנס העברעאישער איבערזעצונג.

1928 — געשאַפן די פינף־אַקטיקע דראַמע „רבי עקיבא און בר־כוכבא״.

1929 — פאַרפאַסט דעם צווייטן ראָמאַן „דאָס הויז פון נח עדאָן״.

1930 — געשאַפן די 5־אַקטיקע משיח־דראַמע „שלמה מולכו״. באַקומען דעם שיקאַגאָ־פּריז פאַר זיין איינאַקטער „דער דאָלאַר״, וואָס איז געווען צווישן אַנדערע וואָס זענען אויפגעפירט געוואָרן אויף ענגליש.

1931 — געוואָרן פּרעזידענט פון דער „יידישע קולטור־געזעלשאַפט״. געשאַפן די פיר־אַקטיקע דראַמע „דער אַרזאַב״. דערשינען ענגלישע איבערזעצונג פון „דאָס הויז פון נח עדאָן״.

1932 — באַזוכט אייראָפּע. אָנגעשריבן דעם איינאַקטער „אָפּגעזאָגט״.

1933 — נאָכאַמאָל דערוויילט געוואָרן פּרעזידענט פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, אָנגעהאַלטן דעם אַמט ביז זיין עליה קיין מדינת ישראל אין 1949.

1934־1935 — געשאַפן דאָס ווערק „דער כוח וואָס בויט״. געשריבן די דראַמע „שבתי צבי און שרה״.

1936 — געשאַפן די דערציילונג „דער כוח פון אַ ניגון״. געקויפט אַ פּלאַץ צו בויען פאַר זיך אַ היים אין חיפה.

1937 — געשאַפן די דראַמע „דער בעל־שם־טוב און דער גזלן״. פאַרפאַסט די טראַגעדיע „אלה תולדות נח״.

1938 — פאַרפאַסט די דראַמע „גאולה״. פון דעם יאָר ביז זיין עליה קיין מדינת ישראל האָט ער פאַרבראַכט די זומער־חדשים אין דער קאָלאָניע „גרינע פעלדער״, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון פּרץ הירשביינס באַרימט טעאַטער־ווערק.

1939 — געשאַפן די דראַמע „דער צדיק און דער שטן״. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די נאַצישע מלחמה האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט אַלע מלחמה־יאָרן אין די וויכטיקסטע אַקציעס צו ראַטעווען יידן פון די נאַצישע נעגל.

1941 — געוואָרן מיט־רעדאַקטאָר פון דעם חודשלעכן זשורנאַל „די צוקונפט״. מיטגרינדער פון „ציקאָ״ (צענטראַלע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע).

1942 — די יידישע וועלט פאַרצייכנט פּינסקיס 70־יאָריקן יובל. די „פאַרבאַנד־שטימע״ גיט אַרויס אַ ספּעציעלן יובליי־נומער מיט אָפּשאַצונגען וועגן זיין ליטעראַרישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

1946 — דערשינען „ער לעבט״ און אַנדערע דערציילונגען פון קידוש־השם.

1947 — צו זיין 75־יאָריקן יובל דערשיינט אַ ספּעציעלער נומער „צוקונפט״ מיט אָפּשאַצונגען וועגן אים און מיט זיינע זכרונות.

1948 — אינספּירירט מיט וואָרט און שריפט די יידישע מאַסן פאַר דער זעלבסטשטענדיקער מדינת ישראל. מיטגרינדער פון „אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס״. ווי דער ערן־פאַרזיצער עפנט ער די גרינדונגס־קאָנפערענץ. אַ צייט געווען פּרעזידענט פון יידישן פּען־קלוב.

1939 — איז עולה קיין מדינת ישראל אינאיינעם מיט זיין פרוי און ווערט אַ

תושב אין חיפה. דערשינען „וועגן
וועגן צעגייען זיך״ און „פיר טראַ־
געדיעס״.

1950 — אָנגעשריבן דעם איינאַקטער „די
הייליקע״. געדרוקט אין „די גאָל־
דענע קייט״. „תהלים, קאַפּיטל סח״,
אַ פאָרשונגס־אַרבעט געשריבן אין
חיפה.

1952 — אָנגעשריבן די עסיי „ישראל און
גלות — אויס״. דעם 14טן אַפּריל,
ט׳ ניסן תשי״ב, איז פאָרגעקומען
אין גרויסן שטאָטישן טעאַטער פון
חיפה די פייערונג פון פינסקיס 80־
יאָריקן יובל אַראַנזשירט פון דעם
חיפה׳ער אַרבעטער־ראַט. אָנגעפירט
מיט דער פייערונג האָבן דער ראש־
העיר אבא חושי און דער סעקרע־
טאַר פון אַרבעטער־ראַט יוסף אלמו־
גי. זלמן שזר און דב סדן האָבן גע־
געבן אָפּשאַצונגען וועגן בעל־יובל,
ווי אויך מענדל עלקין וואָס איז ספּע־
ציעל געקומען פון ניו־יאָריק ווי דער
פאָרשטייער פון „ייוואָ״. עס האָבן
באַגריסט : רחל שזר אין נאָמען פון
„ועד הפועל פון הסתדרות״, מענדל
זינגער אין נאָמען פון דער רעדאַק־
ציע פון „דבר״, מלך נוי אין נאָ־
מען פון „פועלי־ציון״ וועלט־פאַר־
באַנד, אברהם סוצקעווער אין נאָמען
פון די יידישע שרייבערס אין ישראל,
שלמה זרחי אין נאָמען פון די זשור־
נאַליסטן אין חיפה, און די שוישפּי־
לערין חנה ראָווינאַ אין נאָמען פון
„הבימה״. זי האָט פאָרגעלייענט אַ
פראַגמענט פון „דער אייביקער ייד״.
דער חיפה׳ער שטאָט־ראַט האָט באַ־
ערט פינסקין מיט ערן־בירגערשאַפט
און אָנגערופן אויף זיין נאָמען איי־
נע פון די גאַסן אויפן הר־הכרמל.
דערווילט געוואָרן ערן־פאָרזיצער
פון יידישן ליטעראַטן־פאַריין אין
מדינת ישראל.

1956 — דעם 11טן יולי ביינאַכט קראַנק גע־
וואָרן און זיין שרייבערישע טעטי־
קייט האָט זיך איבערגעריסן. ער
איז געווען צום טייל פאַראַליזירט,
נישט געקאָנט ריידן, קוים געהערט.

1959 — דעם 29סטן מערץ איז געשטאָרבן
זיין פרוי האָדל וואָס איז געווען זיין
לעבנס־באַגלייטערין במשך 62 יאָר.
זי איז געווען אַן אינוואַליד די לעצ־
טע יאָרן און פינסקי האָט אויף איר
אַכטונג געגעבן די גאַנצע צייט ביז
ער אַליין איז פאַרשלאַפט געוואָרן.
פינף חדשים נאָך זיין ווייבס אַוועק־
גיין, דעם 11טן אויגוסט, ו׳ מנחם־
אב תשי״ט, האָט ער אויסגעהויכט
זיין נשמה.

צוזאַמענגעשטעלט פון מ. ש.

א י נ ה אַ ל ט

הקדמה 1

ווען דוד פּינסקי

משה שטאַרקמאַן:

דוד פּינסקי דער וואָרט-קינסטלער און קעמפער פאַרן יידישן קיום 3

יואל ענטין:

דער קלאַסיקער פּינסקי 8

זלמן שזר:

אַ מצבה פאַר דוד פּינסקי 15

מאיר בראַון:

פּינסקי דער חבר 21

ל. סיגאַל:

אונדזער פּרעזידענט 23

מענדל זינגער

צען יאָר 27

פון דוד פּינסקי׳ס שאַפן

דער שרייבער זיגט 29

אונדזער צווייפּראַכיקייט 38

תהלים סח 46

דער כוח פון אַ ניגון 54

* * *

דוד פּינסקי — ביאָגראַפישע נאָטיצן 60

DAVID PINSKY

on the tenth anniversary of his death

An anthology edited by

MOSHE STARKMAN and LEON RUBINSTEIN

Published by

FARBAND-LABOR ZIONIST ORDER

575 Sixth Avenue, New York, N. Y. 10011

$1.00 a copy

PRINTED IN U·S·A·